בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן, גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

235

תשפ"ב

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

**היכל הקודש ברסלב**
Heichal Hakodesh Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש ברסלב בלומינג גראוו**
Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

**נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש**
181 Huschke Rd. Liberty, NY 12747
**718-387-2691**

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


מֶעג מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען אוּם שַׁבָּת פוּן אַ טָאפּ וָואס לִיגְט אוֹיפְ'ן הַאטְפְּלֶעיט?....א

מֶעג מֶען זָאגְן תְּהִלִּים בִּשְׁעַתְ'ן גֶעבְן צוּ עֶסְן פַּארְ'ן קִינְד?.........................ב

אִיךְ וִויל שְׁטַארְקְן מַיין אֱמוּנָה, וואוּ קֶען אִיךְ זֶען מוֹפְתִים?.........................ד

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ מַיין וַוייבּ, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?.........................ח

אִין בְּרֶסְלֶב זָאגְט מֶען דִי "י"ג עִקָּרִים" אוּן "יִגְדַּל"? ......................... יא

וָואס טוּ אִיךְ אַז מֶען רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה בַּיי מִיר אִינְדֶערְהֵיים? ......................... יג


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


הֶעלְפְן מִשְׁפָּחוֹת נִצְרָכִים זָאלְן הָאבְן עֶסְן לַשַּׁבָּת וּלְחוֹל.........................א

טוּ דִי סְגוּלָה פוּן רֶבִּי'ן צוּ הָאבְן קִינְדֶער.........................א

רֶעד צוּ דִי קִינְדֶער אָפֶּענֶע וֶוערְטֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ פִירְן הֵיילִיג .........................ב

חֲנוּכָּה דַארְף מֶען צִינְדְן מִיט דִי קִינְדֶער, זִינְגֶען מִיט זֵיי אוּן טַאנְצְן מִיט זֵיי .........ג

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גֶעבּ מִיר קִינְדֶער צַדִּיקִים" .........................ד

קוּקְט וָואס אַ גוּט וָוארְט טוּט מִיט אַ מֶענְטְשׁ .........................ד

זַיין אַ מְלַמֵּד מִיט שְׁטַארְקֵייט אָבֶּער מִיט גֶעשְׁמַאק .........................ה

כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט דַארְפְן נִישְׁט צָאלְן שְׂכַר לִימוּד.........................ו

אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט מִיךְ פוּן שְׁלֶעכְטְס.........................ז

הַדְרָכָה פַאר אַ בָּחוּר וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין לֶעבְּן.........................ז

טַעֲנָה נִישְׁט מִיט דַיין וַוייבּ וֶועגְן בְּרֶסְלֶב.........................ט

קִינְדֶער קֶען מֶען נִישְׁט גֶעבְּן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס גֶעבְּט קִינְדֶער ...... יא

יְיַשֵׁר כֹּחַ אוֹיף דִי שְׁוֶועֶרע אַרְבֶּעט וָואס אִיר טוּט מִיט אוּנְזֶער זוּן ........................ יב

נָאר מִיט אֱמוּנָה קֶען מֶען דוּרְכְגֵיין אַלֶע שְׁוֶועֶרע צַייטְן ........................ יב

דֶער מַאן אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן, עֶר אִיז אָבֶּער וואוֹיל ........................ יג

אַז מֶען טוּט עֲבֵירוֹת וֶוערְט מֶען פַארְשֶׁעמְט ........................ יג

אַז דֶער טַאטֶע קוּמְט נִישְׁט אַהֵיים, זָאל דִי מַאמֶע צִינְדְן מִיט דִי קִינְדֶער ........... טז

חֲנוּכָּה קוּמְט אַרָאפּ אַ לִיכְטִיגְקֵייט, מֶען הֵייבְּט אָן זֶען אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ........................ יז

עֶס אִיז שׁוֹין צַייט צוּ עֶפֶענֶען אַ בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין לָאנְדָאן ............ יח

אִיךְ שְׁטֵיי אוּן שְׁטוֹין אוֹיף אַייעֶר מְסִירוּת נֶפֶשׁ זִיךְ אָפְּצוּשֶׁערְן דִי הָאר ............ יט

אַז אִיר וִוילְט אַ וַוארֶעמֶע עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, וֶועט אִיר דָאס בַּאוַוייזְן ................ כא

מֶען טָאר נִישְׁט בָּארְגְן גֶעלְט פַאר דִי שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת ........................ כב

אִיר קֶענְט דִינְגֶען אַ לֶעפְּטַאפּ פַאר דִי חִיזוּק שִׁיעוּר פַאר פְרוֹיעֶן ........................ כב

פַאר דִי טוֹבָה אוּן עָתִיד פוּן שְׁטֶעטְל, זָאל מֶען טוּן אַלֶעס וָואס דִי הַנְהָלָה זָאגְט ... כג

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## מֶעג מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען אוּם שַׁבָּת פוּן אַ טָאפּ וָואס לִיגְט אוֹיפְ'ן הַאטְפְּלֶעיט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְּרֶעגְן וָואס מֶען טוּט אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אוֹיבּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים צוּ הֶעלְפְן הַאלְטְן דֶעם טָאפּ, אוֹיבּ מֶען מֶעג אַרוֹיסְנֶעמֶען זוּפּ אָדֶער טְשָׁאלְנְט גְלַייךְ פוּנֶעם טָאפּ וָואס לִיגְט נָאךְ אוֹיף דִי הַאטְפְּלֶעיט, צוּ גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ״א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן שַׁבָּת נִישְׁט צוּ קוּמֶען צוּ חִלּוּל שַׁבָּת, מֶען דַארְף גוּט קֶענֶען הִלְכוֹת בִּשּׁוּל פַאר מֶען גֵייט צוּ צוּם טָאפּ שַׁבָּת; אֵיינֶער וָואס קֶען נִישְׁט הִלְכוֹת בִּשּׁוּל טָאר נִישְׁט אָנְרִירְן דִי טֶעפּ, מֶען קֶען מִיט אֵיין רִיר עוֹבֵר זַיין אוֹיף קָאכְן אוּם שַׁבָּת.

אוֹיבּ דִי עֶסְן אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעקָאכְט - דַארְף מֶען וִויסְן אַז מֶען טָאר נִישְׁט עֶפֶענֶען דֶעם דֶעקְל פוּנֶעם טָאפּ, וַוייל אוֹיבּ מֶען עֶפְנְט דִי דֶעקְל - טָאר מֶען עֶס נִישְׁט צוּדֶעקְן, עֶס אִיז אַ חִיּוּב חַטָּאת, דָאס הֵייסְט קָאכְן אִין שַׁבָּת.

אוֹיךְ דַארְף מֶען וִויסְן, אוֹיבּ דִי עֶסְן אִיז נִישְׁט אִינְגַאנְצְן גֶעקָאכְט אוּן מֶען

הָאט דָאס אַרָאפְּגֶענוּמֶען פוּן פְלַאם - טָאר מֶען נִישְׁט צוּרִיק לֵייגְן דֶעם טָאפּ אוֹיפְ׳ן פֵייעֶר, אוֹיךְ טָאר מֶען נִישְׁט אַרוֹיסְנֶעמֶען מִיט אַ לֶעפְל, וַוייל וֶוען מֶען נֶעמְט אַרוֹיס מִיטְ׳ן לֶעפְל מִישְׁט מֶען דִי עֶסְן, אוּן מִישְׁן עֶסְן - אִיז קָאכְן, דֶערִיבֶּער אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ קָאכְן דִי עֶסְן גֶענוּג פְּרִי, אַז בַּיים זְמַן שַׁבָּת זָאלְן אַלֶע הֵייסֶע עֶסְן שׁוֹין זַיין גֶעקָאכְט.

וֶוען דִי עֶסְן אִיז שׁוֹין אִינְגַאנְצְן גֶעקָאכְט, דֶעמָאלְט, אוֹיב מֶען עֶפְנְט אוֹיף דִי דֶעקְל - מֶעג מֶען צוּרִיק צוּדֶעקְן דֶעם דֶעקְל, אוֹיךְ מֶעג מֶען צוּרִיק לֵייגְן דֶעם טָאפּ אוֹיפְ׳ן פֵייעֶר אוֹיב עֶס אִיז דָא אַ בְּלֶעךְ אוּן מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט אַרָאפְּגֶעלֵייגְט דֶעם טָאפּ פוּן דִי הֶענְט.

בְּנוֹגֵעַ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן טָאפּ וֶוען דִי עֶסְן אִיז שׁוֹין אִינְגַאנְצְן גֶעקָאכְט אוּן עֶס לִיגְט נָאךְ אוֹיפְ׳ן בְּלֶעךְ; אוֹיב אִיז דָאס אַ טְרוּקֶענֶע עֶסְן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל קוּגְל - אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם. אוֹיב עֶס אִיז אַ נַאסֶע עֶסְן, אַזוֹי וִוי טְשָׁאלְנְט; לְכַתְּחִילָה דַארְף מֶען אוּנְטֶערְהֵייבְן דֶעם טָאפּ, אָבֶער אוֹיב מֶען הָאט נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל הֶעלְפְן, אָדֶער דִי טָאפּ אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע - קֶען מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן טָאפּ, מֶען זָאל אָבֶער אַכְטוּנְג גֶעבְן נִישְׁט צוּ נֶעמֶען פוּן אוּנְטְן, נָאר נֶעמֶען פוּן אוֹיבְן אוּן זִיכֶער נִישְׁט מִישְׁן דִי עֶסְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶעג מֶען זָאגְן תְּהִלִים בִּשְׁעַתְ׳ן גֶעבְן צוּ עֶסְן פַארְ׳ן קִינְד?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס; פַאר יֶעדֶע שִׁיעוּר, יֶעדֶעס וָוארְט, יֶעדֶע גִלְיוֹן אוּן יֶעדֶע צֶעטְל, אִיךְ בִּין זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּ' מִיט יֶעדֶע זַאךְ. וֶוען אִיךְ הָאב אַ מִינוּט הֶער אִיךְ נָאךְ שִׁיעוּרִים אוּן אִיךְ וַוארְט שׁוֹין קוֹים אוֹיף סוֹף וָואךְ צוּ בַּאקוּמֶען דִי אַלֶע שֵׁיינֶע גִלְיוֹנוֹת, וָואס אִיךְ לֵיין זֵיי אַלֶע פוּן דֶעקְל צוּ דֶעקְל, הַלְוַאי וָואלְט גֶעוֶוען נָאךְ מֶער.

וֶוען אִיךְ זֶע מַיין מַאן לֶערְנֶען גֶעבְּט מִיר דָאס דִי מֶערְסְטֶע כֹּחַ פוּן סֵיי וָואס אוֹיף דִי

װעלְט, עֶר מַאכְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם כְּסֵדֶר נָאךְ אוּן נָאךְ סִיוּמִים.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען מֶעג זָאגְן תְּהִלִּים בִּשְׁעַת'ן זֵייגְן דָאס קִינְד?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיװ.

אִיר קֶענְט זָאגְן תְּהִלִּים בַּיים זֵייגְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים חֵלֶק ב', סִימָן יב): "הֶחָלָב שֶׁל צַדֶּקֶת הוּא טוֹב לַתִּינוֹק לְיִרְאַת שָׁמַיִם", דִי מִילְךְ וָואס דָאס קִינְד זֵייגְט פוּן אַ פְרוֹי אַ צַדֶיקֶת - הֶעלְפְט דָאס קִינְד הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם, "וְגַם נוֹתְנוֹת לוֹ מֶמְשָׁלָה בָּעוֹלָם הַזֶּה", אוּן עֶס מַאכְט אִים זַיין חָשׁוּב אוֹיף דִי װעלְט; אַזוֹי װִי מִיר גֶעפִינֶען בַּיי שָׂרָה אִמֵּנוּ, װען זִי הָאט גֶעבּוֹירְן יִצְחָק הָאבְּן אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן גֶעלַאכְט אוּן גֶעשְׁפֶּעט, זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט עֶס קֶען נִישְׁט זַיין אַז שָׂרָה הָאט גֶעבּוֹירְן אַ קִינְד, עֶס אִיז אַן אוּנְטֶערְגֶעשְׁטֶעלְטֶע זַאךְ, דָאס קִינְד אִיז זִיכֶער פוּן אַ דִינְסְט, זֵיי זָאגְן לִיגְנְט. הָאט אַבְרָהָם אָבִינוּ גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה, עֶר הָאט גֶערוּפְן דִי גְדוֹלֵי הַדּוֹר, אוֹיךְ שָׂרָה הָאט גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה אוּן גֶערוּפְן אַלֶע פְרוֹיעֶן, בַּיי דִי סְעוּדָה הָאט אַבְרָהָם אָבִינוּ גֶעזָאגְט פַאר שָׂרָה זִי זָאל װַייזְן פַאר אַלֶעמֶען אַז זִי קֶען גֶעבְּן צוּ זֵייגְן מִילְךְ.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה נג, ט): "אִמֵּנוּ שָׂרָה הָיְתָה צְנוּעָה יוֹתֵר מִדַּאי", שָׂרָה אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַן עֶרְלִיכֶע, "אָמַר לָהּ אָבִינוּ אַבְרָהָם אֵין זוֹ שְׁעַת הַצְּנִיעוּת", הָאט אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיר גֶעזָאגְט, יֶעצְט אִיז נִישְׁט קַיין צַייט פוּן צְנִיעוּת, "אֶלָּא גַּלִּי אֶת דַּדַּיִךְ, כְּדֵי שֶׁיֵּדְעוּ הַכֹּל שֶׁהִתְחִיל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לַעֲשׂוֹת נִסִּים", בַּאוַוייז זִיךְ, זָאל מֶען זֶען דִי נִיסִים, זָאלְן מֶענְטְשְׁן גְלֵייבְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען אַלֶעס מַאכְן. הָאט זִי גֶעוִויזְן וִוי עֶס רִינְט מִילְךְ, אַלֶע זֶענֶען גֶעקוּמֶען בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זֵייגְן פוּן אַזַא גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת, "כָּל מִי שֶׁבָּא לְשֵׁם שָׁמַיִם, נַעֲשָׂה יְרֵא שָׁמַיִם", אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעבְּרֶענְגְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן זֵייגְן פוּן שָׂרָה זֶענֶען גֶעוָוארְן צַדִיקִים, "נִתַּן לוֹ מֶמְשָׁלָה בָּעוֹלָם הַזֶּה", אוּן אַלֶע הָאבְּן בַּאקוּמֶען גְרוֹיס חֲשִׁיבוּת.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

### אִיךְ וִויל שְׁטַארְקְן מַיין אֱמוּנָה, וואו קֶען אִיךְ זֶען מוֹפְתִים?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין יוּנְגֶער מֶענְטְשׁ, אִיךְ הָאב אַ שְׁטוּב מִיט קִינְדֶער, אִיךְ בִּין אָבֶּער אִין אַ גְרוֹיסֶע פַארְלֶעגְנְהֵייט מִיט שְׁטַארְקֶע סְפֵיקוֹת אִין אֱמוּנָה.

אִיךְ הָאב גֶעלֵיינְט רַחֲמָנָא לִיצְלָן סְפָרִים פוּן חֲקִירָה, אַזוֹי ווִי מוֹרֶה נְבוֹכִים אוּן נָאךְ, אוּן דָאס הָאט מִיר גֶעמַאכְט סְפֵיקוֹת אוֹיב עֶס אִיז בִּכְלַל דָא אַזַא זַאךְ פוּן נִסִים לְמַעְלָה מִדֶּרֶךְ הַטֶּבַע, נִסִים וָואס טוֹישְׁן דִי טֶבַע פוּן דִי וֶועלְט.

אִיךְ הָאב זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרוּבִּירְט זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, מִיט בְּרֶסְלֶבְ'עֶ סְפָרִים, עֶס הָאט מִיר אָבֶּער נִישְׁט גֶעהָאלְפְן.

אִיךְ זוּךְ פָּשׁוּט צוּ זֶען עֶפֶּעס אַ נֵס, אַ מוֹפֵת, אוּן דָאס וֶועט מִיר פַארְעֶנְטְפֶערְן אַלֶע סְפֵיקוֹת אִין אֱמוּנָה. אִיךְ פַארְבְּרֶענְג אַסַאךְ צַייט זִיךְ צוּ דְרֵייעֶן בַּיי צַדִּיקִים וָואס מֶען זָאגְט אַז זֵיי זֶענֶען פּוֹעֲלֵי יְשׁוּעוֹת, כְּדֵי צוּ זֶען אֶפְשָׁר, אָדֶער כָאטְשׁ צוּ הֶערְן פוּן אַ בַּאגְלֵייבְּטֶער כְּלִי רִאשׁוֹן וָואס אִיז נִישְׁט קַיין בַּעַל דִמְיוֹן, עֶפֶּעס וָואס אִיז אַ קְלָארֶער נֵס, וָואס וַוייזְט קְלָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט. צוּם בֵּיישְׁפִּיל אַ נֵס פוּן קְפִיצַת הַדֶּרֶךְ וָואס אִיז מַמָּשׁ לְמַעְלָה מִן הַטֶּבַע אוּן לְמַעְלָה מִן הַזְּמַן. לְמַעֲשֶׂה הָאב אִיךְ עֶס אָבֶּער נִישְׁט גֶעטְרָאפְן, אוּן אִיךְ ווֵייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט זִיךְ.

אִיךְ בֶּעט דֶעם ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ, אוֹיב אִיר קֶענְט מִיר טְרֶעפְן אַ בַּאגְלֵייבְּטֶער מֶענְטְשׁ, וָואס זָאל מִיר דֶערְצֵיילְן אַן אָפֶענֶער נֵס וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען בַּיי אַ צַדִּיק, דָאס וֶועט מִיר בַּארוּאִיגְן.

אוּן זִיכֶער אוֹיב דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַלֵיין קֶען אַזַא סָארְט צַדִּיק וָואס אִיךְ קֶען בַּיי יֶענֶעם זֶען אַ נֵס, אָדֶער עֶר זָאל זֶען אוֹיף מִיר מַיינֶע עֲבֵירוֹת אוּן מִצְוֹת, וָואס דָאס וֶועט מִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן מַיינֶע סְפֵיקוֹת וָואס פַארְטוּנְקְלֶען מִיר מַיין לֶעבְּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ה כִּסְלֵיו, א' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ב**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ זוּכְסְט אַ פְּלַאץ וואוּ דוּ קֶענְסְט זֶען אַ נֵס? קוּק זִיךְ אַלֵיינְס אָן! אָטֶעם אַריין לוּפְט אוּן בְּלָאז אַרוֹיס לוּפְט - דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע נֵס. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יד, ט): "עַל כָּל נְשִׁימָה וּנְשִׁימָה שֶׁאָדָם נוֹשֵׁם צָרִיךְ לְקַלֵּס לַבּוֹרֵא, מַה טַּעַם (תְּהִלִּים קנ, ו) כֹּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל יָהּ, כָּל הַנְּשִׁימָה תְּהַלֵּל יָהּ", אוֹיף יֶעדֶע אָטֶעם דַארְף מֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אָן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער קֶען מֶען נִישְׁט אַריין אָטֶעמֶען אֲפִילוּ אֵיין אָטֶעם.

וֶוען דִי חַשְׁמוֹנָאִים הָאבְּן מְנַצֵּחַ גֶעוֶוען דִי יְוָנִים, וֶוען זֵיי זֶענֶען אַריין אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוּן גֶעזֶען דֶעם גְרוֹיסְן חוּרְבָּן וָואס דִי יְוָנִים הָאבְּן גֶעמַאכְט, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְצִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע מְנוֹרָה, אַלֶע אוֹיל זֶענֶען גֶעוֶוען טָמֵא, פְּלוּצְלוּנְג הָאבְּן זֵיי גֶעטְרָאפְן אַ קְרִיגְל אוֹיל, עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ נֵס אַז עֶס הָאט גֶעבְּרֶענְט אַכְט טֶעג, הָאבְּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים מְתַקֵּן גֶעוֶוען דִי הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב חֲנוּכָּה. פְרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער בֵּית יוֹסֵף (בֵּית יוֹסֵף אוֹרַח חַיִּים, סִימָן תר"ע) דִי בַּאקַאנְטֶע קַשְׁיָא, פַארְוָואס מַאכְן מִיר אַכְט טֶעג יוֹם טוֹב חֲנוּכָּה? פַאר אֵיין טָאג אִיז דָאךְ גֶעוֶוען גֶענוּג אוֹיל צוּ צִינְדְן, דֶער נֵס אִיז גֶעוֶוען נָאר זִיבְּן טֶעג!

זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ פוּן צַדִּיקִים, דָאס אַז אוֹיל בְּרֶענְט - אִיז דָאךְ דִי גְרֶעסְטֶע נֵס! דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים הָאבְּן גֶעזֶען אַז דִי טֶבַע אִיז אַ נֵס, נִישְׁטָא קַיין טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָל, אַלֶעס אִיז אֵייבֶּערְשְׁטֶער! אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כה.), דִי טָאכְטֶער פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא הָאט גֶעוֵויינְט צוּ אִיר טַאטֶע, זִי הָאט אָנְגֶעצִינְדְן שַׁבָּת לֶעכְט, זִי הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶס אִיז אוֹיל, לְמַעֲשֶׂה אִיז דָאס גֶעוֶוען עֶסִיג אוּן זִי זָאגְט פַאר אִיר טַאטֶע: "עֶס גֵייט זִיךְ יֶעצְט פַארְלֶעשְׁן אוּן מִיר וֶועלְן זִיצְן שַׁבָּת אִין דִי פִינְסְטֶער", הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק אִיר גֶעזָאגְט: "וָואס וֵויינְסְטוּ? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס זָאגְט אַז אוֹיל זָאל בְּרֶענֶען קֶען מַאכְן אַז עֶסִיג זָאל בְּרֶענֶען, לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", זֵיי הָאבְּן מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁען אַ נֵס, דִי עֶסִיג

הָאט גֶעבְּרֶענְט! עֶס הָאט גֶעבְּרֶענְט נָאךְ לֶענְגֶער ווִי דִי אוּיל, עֶס הָאט גֶעבְּרֶענְט בִּיז מוֹצָאֵי שַׁבָּת; אַלֶע הָאבְּן גֶעזֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין טֶבַע, דִי טֶבַע אַלֵיינְס אִיז אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

דוּ דַארְפְּסְט תְּשׁוּבָה טוּן פַארְ'ן לֶערְנֶען סְפָרִים פוּן חֲקִירָה. דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען נִישְׁט צוּ לֶערְנֶען דִי סְפָרִים, אֲפִילוּ סְפָרִים פוּן הֵיילִיגֶע רִאשׁוֹנִים – הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען נִישְׁט צוּ לֶערְנֶען. דוּ דַארְפְּסְט תְּשׁוּבָה טוּן, אִיבֶּערְבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תז): "יְכוֹלִין לְהַכִּיר בְּהַפָּנִים שֶׁל הָאָדָם אִם לָמַד מוֹרֶה נְבוֹכִים", מֶען קֶען דֶערְקֶענֶען אוֹיפְ'ן פָּנִים פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיב עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט דֶעם סֵפֶר מוֹרֶה נְבוֹכִים, "כִּי בְּוַדַּאי הוּא אוֹבֵד צֶלֶם אֱלֹקִים פָּנִים דִקְדֻשָּׁה עַל יְדֵי זֶה", מֶען פַארְלִירְט דִי צֶלֶם אֱלֹקִים, דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּנֶעם פָּנִים, "וּכְמוֹ שֶׁרוֹאִין בְּחוּשׁ שֶׁרֻבָּם כְּכֻלָּם שֶׁעָסְקוּ בְּאֵלּוּ הַסְּפָרִים בַּדּוֹרוֹת הַלָּלוּ, נַעֲשׂוּ אֶפִּיקוֹרְסִים גְּמוּרִים, וְהֵם חֲשׁוּדִים עַל כָּל עֲבֵרוֹת שֶׁבַּתּוֹרָה. כִּי זֶה הַסֵּפֶר וְכֵן שְׁאָר סִפְרֵי הַמְחַקְּרִים עוֹקְרִים אֶת הָאָדָם לְגַמְרֵי מֵאֱמוּנַת יִשְׂרָאֵל, וּמִתּוֹרָתֵנוּ הַקְּדוֹשָׁה, וּמֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאַחֲרִיתוֹ עֲדֵי אוֹבֵד", דִי אַלֶע וָואס לֶערְנֶען דִי סְפָרִים פוּן חֲקִירוֹת וֶוערְן בַּיים סוֹף אַפִּיקוֹרְסִים, דִי סְפָרִים רַייסְן אוֹיס דִי אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "גַּם אֲנִי דִּבַּרְתִּי עִם כַּמָּה אֲנָשִׁים שֶׁהֵם כְּשֵׁרִים קְצָת, שֶׁלָּמְדוּ מִכְּבָר סִפְרֵי הַמְחַקְּרִים, וְכֻלָּם אָמְרוּ בְּפֶה מָלֵא שֶׁהֵם מִתְחָרְטִים מְאֹד עַל זֶה שֶׁלָּמְדוּ, וְהַלְוַאי שֶׁלֹּא הָיוּ יוֹדְעִים מֵהֶם. וְהֵעִידוּ בְּעַצְמָן שֶׁרָאוּי לְהִתְרַחֵק מֵהֶם מְאֹד מְאֹד בְּתַכְלִית הָרִחוּק", אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט מֶענְטְשְׁן – זָאגְט דֶער רֶבִּי, וָואס זֵיי זֶענֶען עֶרְלִיךְ, זֵיי הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט אַז זֵיי הָאבְּן אַלֶע חֲרָטָה פַארְ'ן אַרַיינְקוּקְן אִין דִי סְפָרִים, אוּן הַלְוַאי וָואלְטְן זֵיי נִישְׁט אַרַיינְגֶעקוּקְט אִין דִי אַלֶע סְפָרִים. "אַשְׁרֵי מִי שֶׁבּוֹרֵחַ מֵהֶם וּמְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה לְבַד, כְּפִי מַה שֶּׁקִּבַּלְנוּ מֵאֲבוֹתֵינוּ כְּמוֹ שֶׁכְּלַל יִשְׂרָאֵל מַאֲמִינִים בְּלִי שׁוּם חֲקִירוֹת שֶׁל שְׁטוּת וָהֶבֶל שֶׁלָּהֶם", וואוּיל אִיז דֶעם וָואס אַנְטְלוֹיפְט פוּן דִי אַלֶע זַאכְן, עֶר אִיז שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן, אָן קַיין שׁוּם נַארִישֶׁע חֲקִירוֹת.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט טַעְנֶה'ן אוֹיף דִי אֱמוּנָה, וֶוען מֶען

אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים פְרֶעגְן קַשְׁיוֹת הָאט עֶר יֶענֶעם צוּ נַאר גֶעמַאכְט; עֶר הָאט יֶענֶעם גֶעזָאגְט: "שְׁטֶעל זִיךְ אוֹיף, זֶעץ זִיךְ אַרָאפּ, הֵייבּ זִיךְ נָאכְאַמָאל אוֹיף אוּן גֵיי אַהֶער אוּן גֵיי אַהִין", אוּן מוֹהֲרָא"ש פְרֶעגְט: "זָאגְט מִיר, וֶוער וָואקְט אִין דִיר? וֶוער גֵייט אִין דִיר? וֶוער רִירְט זִיךְ אִין דִיר? דָאס אַלֶעס אִיז נָאר דֶער חֵלֶק אֱלֹקַי מִמַּעַל, אַ מֶענְטְשׁ אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ שְׁטִיק פְלֵייש וָואס קֶען זִיךְ נִישְׁט רִירְן, קֶען נִישְׁט קוּמֶען אוּן קֶען נִישְׁט גֵיין"; בִּיז דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען זִיךְ גֶעקוּמֶען טַעְנָה'ען מִיט מוֹהֲרָא"ש הָאבְּן תְּשׁוּבָה גֶעטוּן.

מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן פַאר אַלֶע וָואס פְרֶעגְן 'וואוּ אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער?' זֵיי ווִילְן זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "וָואס אִיז לוּפְט? ווִי אַזוֹי זֶעט אוֹיס לוּפְט? זַיי מִיר מַסְבִּיר וָואס אִיז לוּפְט, וואוּ קֶען מֶען עֶס זֶען?" מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן: "לוּפְט קֶען מֶען נִישְׁט זֶען, לוּפְט אִיז אֵייבֶּערְשְׁטֶער; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט דִי חַיּוּת פַארְ'ן מֶענְטְשׁ".

אַז דוּ בִּיסְט אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֶרְגְסְטֶע פְלַאץ וואוּ אַ מֶענְטְשׁ קֶען נָאר אָנְקוּמֶען, דוּ הָאסְט קַשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת - אִיז דָא אֵיין עֵצָה פַאר דִיר, דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת. גֵיי וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, אִיךְ גְלֵייבּ נִישְׁט אִין דִיר; אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אַ נַארִישְׁקֵייט, אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעקוּקְט אִין סְפָרִים וָואס מֶען טָאר נִישְׁט קוּקְן, יֶעצְט אִיז מִיר דֶער קָאפּ פַארְדְרֵיידְט, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל הָאבְּן אֱמוּנָה אִין דִיר, אִיךְ זָאל הָאבּ אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז אִיךְ זָאל דִיר זֶען, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, מַאךְ אַ נֵס אִיךְ זָאל אָנְהֵייבְּן גְלֵייבְּן אִין דִיר אַזוֹי וִוי אַמָאל, גֶעבּ מִיר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה".

שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס וֶועט דִיר הֶעלְפְן, מַאךְ זִיךְ נִישְׁט מְשׁוּגָע פוּן זוּכְן מוֹפְתִים וְכוּ', גֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מו): "וַאֲזַי צָרִיךְ לִצְעֹק לְאָבִיו שֶׁבַּשָּׁמַיִם בְּקוֹל חָזָק מֵעִמְקֵי הַלֵּב", דִי עֵצָה אוֹיף דֶעם אִיז שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן טִיפֶענִישׁ פוּן הַארְץ: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וָואס הָאט דָא פַּאסִירְט מִיט מִיר?! אִיךְ בִּין אִין אַ סַכָּנָה, דִי אֱמוּנָה אִיז מִיר פַארְלָאשְׁן! אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט מִיר, הֶעלְף מִיר הָאבְּן אֱמוּנָה".

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "קֻשְׁיָא" אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: "שְׁ'מַע יְ'יָ קֹ'ולִי אֶ'קְרָא, שֶׁצָּרִיךְ רַק לִקְרוֹת לַה', כְּשֶׁמִּתְגַּבֵּר עָלָיו הַקֻּשְׁיָא וְהַכְּפִירָה", מֶען דַארְף וַויינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען מֶען זֶעט אַז עֶס זֶענֶען זִיךְ מִתְגַּבֵּר דִי קַשְׁיוֹת אוּן כְּפִירוֹת.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר יָד הַחֲזָקָה פוּן הֵיילִיגְן רַמְבַּ"ם; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועלְן מִיר פַּסְקְ'נֶען וִוי דֶער רַמְבַּ"ם", אָבֶער דִי אַנְדֶערֶע סְפָרִים - זָאלְסְטוּ נִישְׁט לֶערְנֶען אוּן נִישְׁט הַאלְטְן אִין שְׁטוּב.

אַ לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

...

### אִיךְ הָאב שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ מַיין וַוייבּ, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ הַיְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ גֵיי דוּרְךְ יִסּוּרֵי נֶפֶשׁ. מַיין וַוייבּ אִיז אוֹיף שְׁטַארְקֶע מֶעדֶעצִינֶען פַאר גֵייסְטִישֶׁע קְרֶענְק, זִי אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַפָּאר מָאל אִין שְׁפִּיטָאל צוּלִיב גֵייסְטִישֶׁע פְּרָאבְּלֶעמֶען, יֶעצְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיז אִיר מַצָּב מֶער סְטַאבִּיל אָבֶער נָאכְאַלְץ נִישְׁט גְרִינְג.

אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק מִיט גֶעלְט, יֶעדֶע וָואךְ דַארְף אִיךְ אַרוֹיסְקְוֶועטְשְׁן גֶעלְט פוּן מֶענְטְשְׁן.

דִי לֶעצְטֶע צְוֵויי יָאר לֶערְן אִיךְ סִפְרֵי בְּרֶסְלֶב אוּן עֶס אִיז שְׁטַארְק מְחַזֵּק אָבֶער אִיךְ פִּיל נִישְׁט אַז עֶס טְרַייבְּט אַוֶועק דֶעם יֵצֶר הָרָע לַחֲלוּטִין.

אִיךְ הָאב שׁוֹין גֶערֶעדְט מִיט עֶרְלִיכֶע אִידְן וֶועגְן מַיין וַוייבּ, אַלֶע הָאבְּן מִיר גֶעעֶנְפֶּערְט מֶער וֵוינִיגֶער אוֹיפְ'ן זֶעלְבְּן אוֹפֶן "אַלְץ בֶּעסֶער וִוי צוּ זַיין אַלֵיין".

אִיךְ הָאב אַזוֹי לַאנְג גֶעדַארְפְט וַוארְטְן אַ חָתָן צוּ וֶוערְן, אִיךְ הָאב גֶעדַאוְונְט אַסַאךְ פַאר מַיין רִיכְטִיגֶער זִיוּוּג. אִיךְ פִּיל מַמָּשׁ אַז תְּפִלָּה עוֹשֶׂה מֶחֱצָה, אִיךְ הָאב נָאר בַּאקוּמֶען הָאלְבּ. וֶוען מֶען קוֹיפְט אַ פָּאר שִׁיךְ דַארְף בֵּיידֶע שִׁיךְ זַיין דִי זֶעלְבֶּע מָאס, אַ רֶעכְטֶע מִיט אַ לִינְקֶע אוּן בֵּיידֶע שִׁיךְ פוּן דִי זֶעלְבֶּע פִירְמֶע. אוֹיבּ עֶס פֶעלְט אֵיינֶע פוּן דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע זַאכְן אִיז עֶס נִישְׁט קַיין פָּאר שִׁיךְ, עֶס אִיז צְוֵויי שִׁיךְ אָבֶער נִישְׁט קַיין פָּאר. וֶוען אֵיינֶער

הָאט בִּכְלַל נִשְׁט קַיין שִׁידּוּך אוּן מֶען גֶעבְּט אִים שִׁידּוּך מִיט אֵיינֶע פוּן דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע חֶסְרוֹנוֹת, אִיז עֶס טַאקֶע בֶּעסֶער וִוי צוּ גֵיין בָּארְוֶועס, אָבֶּער וֶוען מֶען גֵייט מִיט אַזֶעלְכֶע סָארְט שִׁידּוּךְ שְׁטֶערְבְּט עֶס נָאכְאַלְץ.

אִיךְ שְׁפִּיר אַז פוּן הִימְל הָאט מֶען מִיר גֶעגֶעבְּן סְתַּם אַ וַוייבּ, נִשְׁט אַ זִיווּג. זִי קָאכְט נִשְׁט אוּן זִי קֶען אֲפִילוּ נִשְׁט נֵייעֶן, זִי אִיז אַן אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּענֶע מַאמֶע פַאר דִי קִינְדֶער, אִיךְ דַארְף אִיר נֶעמֶען אִיבֶּערְאַל צוּ אַפּוֹינְטְמֶענְטְס אוּן דִי קִינְדֶער אוֹיךְ, אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ נִשְׁט עֶרְלוֹיבְּן בִּקְבִיעוּת אַ קַאר סֶערְוִויס, אוּן וֶוען אִיךְ וֶוער נֶערְוֶועז פוּן דִי עוֹל, בַּאשֶׁעצְ'ט זִי מִיר, וֶוען אִיךְ פְּרוּבִיר זִיךְ מְחַזֵּק זַיין דוּרְךְ הֶערְן אַ שִׁיעוּר וְכַדּוֹמֶה קוּמְט אֵייבִּיג אַ פְרִישֶׁע בִּלְבּוּל צוּ פוּן אִיר; וִוי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה מִיט אִיר?

יְיִשַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ה כִּסְלֵיו, א׳ דְּחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ב

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

זֵיי הָאבְּן דִיר זֵייעֶר גוּט גֶעזָאגְט, וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז דִיר מִיט דַיין וַוייבּ - וֶועט דִיר זַיין אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער אָן אִיר.

דִי אַלֶע שֵׁיינֶע מְשָׁלִים, צְוֵויי שִׁידּוּךְ, רֶעכְטֶע מִיט לִינְקֶע - אִיז אַלֶעס פֵּיין אוּן ווּאוֹיל בִּיז מֶען דֶערְזֶעט זִיךְ אַלֵיין, זַיין אַלֵיין אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער. דִי תּוֹרָה זָאגְט (בְּרֵאשִׁית ב, יח): ״לֹא טוֹב הֱיוֹת הָאָדָם לְבַדּוֹ״, עֶס אִיז נִשְׁט גוּט פַאר'ן מֶענְטְשׁ צוּ זַיין אַלֵיין, ״אֶעֱשֶׂה לוֹ עֵזֶר כְּנֶגְדּוֹ״, זָאגְן אוֹיף דֶעם דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (יְבָמוֹת סג.): עֶס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם מֶענְטְשׁ, ׳זָכָה׳, אִיז מֶען עֶרְלִיךְ, מֶען אִיז אָפְּגֶעהִיטְן, מֶען לֶערְנְט, מֶען דַאוֶוענְט, מֶען לֶעבְּט מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט ׳עוֹזַרְתּוֹ׳ - אִיז דִי וַוייבּ אַן עֵזֶר, זִי הֶעלְפְט דֶעם מַאן, ׳לֹא זָכָה׳, אוֹיבּ אִיז מֶען נִשְׁט זוֹכֶה, מֶען לֶערְנְט נִשְׁט, מֶען דַאוֶוענְט נִשְׁט, מֶען לֶעבְּט נִשְׁט מִיט אֱמוּנָה, דֶעמָאלְט ׳כְּנֶגְדּוֹ׳ - אִיז זִי אִים אַ מִתְנַגֵּד, וָואס עֶר ווִיל - זָאגְט זִי פַּארְקֶערְט.

אַז דוּ ווִילְסְט זִיךְ וֶוייניגֶער מוּטְשֶׁען מִיט פַּרְנָסָה זָאלְסְטוּ מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ; רֶעד שֵׁיין צוּ אִיר, קוּק שֵׁיין אוֹיף אִיר, זוּךְ אִין אִיר גוּטְס - וֶועסְטוּ וֶוערְן

אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא, נט.): "אוֹקִירוּ לִנְשַׁיְכוּ כִּי הֵיכִי דְּתִתְעַתְרוּ", וֶוער עֶס אִיז מְכַבֵּד דִי וַוייבּ וֶוערְט רַייךְ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן סט): "עִקַּר הָעֲשִׁירוּת עַל יְדֵי הָאִשָּׁה", דִי גַאנְצֶע רַייכְטוּם אִיז בִּזְכוּת דִי פְרוֹי; ווִי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ צוּ אִיר - אַזוֹיפִיל גֶעלְט גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

פַארְוָואס זָאלְסְטוּ קְרֶעכְצְן אַז דוּ דַארְפְסְט אִיר נֶעמֶען אוּן טְרָאגְן צוּ אִירֶע פְלֶעצֶער? וָואס אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ צוּ נֶעמֶען דִי וַוייבּ מִיט דִי קַאר?! דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַ וַוייבּ וָואס הִיט דִיר פוּן עֲבֵירוֹת אוּן צִיט אוֹיף דִי קִינְדֶער.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְבָמוֹת סג.): "רֶבִּי חִיָּיא הֲוָה קָא מְצַעֲרָא לֵיהּ דְבִיתְהוּ", רֶבִּי חִיָּיא'ס וַוייבּ פְלֶעגְט אִים זֵייעֶר אַסַאךְ מְצַעֵר זַיין; מִיט דֶעם אַלֶעם: "כִּי הֲוָה מַשְׁכַּח מִידִי, צַיֵּיר לֵיהּ בְּסוּדְרֵיהּ וּמַיְיתֵי נִיהֲלָהּ", וֶוען עֶר פְלֶעגְט זֶען אַ גוּטֶע זַאךְ וָואס זַיין וַוייבּ הָאט לִיבּ, פְלֶעגְט עֶר עֶס אִיר אַהֵיים בְּרֶענְגֶען, "אָמַר לֵיהּ רַב: וְהָא קָא מְצַעֲרָא לֵיהּ לְמַר", הָאט רַב גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי חִיָּיא: אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט, פַארְוָואס בְּרֶענְגְסְטוּ אִיר אֵייבִּיג גוּטֶע זַאכְן, זִי אִיז דָאךְ דִיר מְצַעֵר?! "אָמַר לֵיהּ" הָאט אִים רֶבִּי חִיָּיא גֶעזָאגְט: "דַּיֵּינוּ שֶׁמְּגַדְּלוֹת בָּנֵינוּ, וּמַצִּילוֹת אוֹתָנוּ מִן הַחֵטְא", מִיר אִיז גֶענוּג אַז זִי רַאטֶעוֶועט מִיךְ פוּן עֲבֵירוֹת אוּן צִיט אוֹיף דִי קִינְדֶער.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן; שְׁמוּעֶס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן כִּדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ, רֶעד צוּ אִים אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ, זָאג אִים ווִי שְׁטַארְק דוּ מוּטְשֶׁעסְט זִיךְ. אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ שְׁטֵייט (פַּרְשַׁת בָּלָק, קצה.) וֶוען אַן אָרֶעמַאן קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעט אוֹיף פַּרְנָסָה, עֶר טַעֲנָה'ט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער וַוארְטְן אוֹיף עֶסְן אוּן עֶר הָאט זֵיי נִישְׁט וָואס צוּ גֶעבְּן, זָאגְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אַז דֶער תְּפִלָּה אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן - מֶער פוּן אַלֶע תְּפִילוֹת, עַיֵּין שָׁם.

אַ לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

...

## אִין בְּרֶסְלֶב זָאגְט מֶען דִי "י"ג עִקְּרִים" אוּן "יִגְדַּל?"

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזּוּקִים וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז אוּנְז כְּסֵדֶר מְחַזֵּק.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען זָאגְט אִין הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ דִי "י"ג עִקְּרִים", אוּן אוֹיךְ "יִגְדַּל אֱלֹקִים", ווייל אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז לוֹיטְ'ן אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט מֶען עֶס נִישְׁט, אוּן אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ אִין בְּרֶסְלֶב, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער גֶעהֶערְט אִין נָאמֶען פוּן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א עֶס יָא צוּ זָאגְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ה כִּסְלֵיו, א' דַּחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ב**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶעם פִּיּוּט "יִגְדַּל אֱלֹקִים" זָאגְט מֶען נִישְׁט. מוֹהֲרַאְ"שׁ בְּרֶענְגְט פוּן רֶבִּי חַיִּים וִיטַל בְּשֵׁם דֶעם הֵיילִיגְן אֲרִיזַ"ל, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן דֶעם פִּיּוּט יִגְדַּל.

דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין'ס זָאגְט מֶען יָא. מוֹהֲרַאְ"שׁ פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן צוּ זָאגְן דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין'ס גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי נָאךְ בִּרְכַּת הַתּוֹרָה, אוּן אַזוֹי פִיר אִיךְ זִיךְ אוֹיךְ. עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן דָאס נָאכְן דַאוֶונֶען, עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן דָאס אַפָּאר מָאל אַ טָאג, יֶעדֶער אֵיינֶער טוּט וִוי אַזוֹי עֶס שַׁיינְט אִים.

עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ זָאגְן דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין'ס, דָאס בְּרֶענְגְט אֱמוּנָה, עֶס שְׁטַארְקְט דִי אֱמוּנָה. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מד): "הָאֱמוּנָה תּוֹלָה בְּפֶה שֶׁל אָדָם", אֱמוּנָה בַּאקוּמְט מֶען וִוי מֶער מֶען רֶעדְט דֶערְפוּן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים פט, ב): "'אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי'; עַל יְדֵי שֶׁמְּדַבְּרִין הָאֱמוּנָה בַּפֶּה, זֶהוּ בְּעַצְמוֹ אֱמוּנָה, וְגַם עַל יְדֵי זֶה בָּאִים לֶאֱמוּנָה", אַז מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה, דָאס אַלֵיינְס אִיז אֱמוּנָה אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אֱמוּנָה.

נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמב): "כְּשֶׁנּוֹפֵל לְאָדָם סְפֵקוֹת בֶּאֱמוּנַת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ", וֶוען עֶס קוּמֶען אַרַיין סְפֵיקוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, "יֹאמַר בְּפֶה מָלֵא", זָאל מֶען אַרוֹיסְזָאגְן מִיט דִי מוֹיל: "אֲנִי מַאֲמִין", אִיךְ גְלֵייבּ, "בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה", מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, "שֶׁהוּא יָחִיד", אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעוֶועלְטִיגְט אֵיינֶער אַלֵיינְס, "רִאשׁוֹן וְאַחֲרוֹן", עֶר אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער אוּן דֶער לֶעצְטֶער.

ווארוּ איז דֶעם וָואס זָאגְט יֶעדְן טָאג דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין׳ס, עֶר לֶעבְּט מִיט דִי אֱמוּנָה - וֶועט זַיין לֶעבְּן זַיין אַ זִיסֶע לֶעבְּן. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נג): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ אֱמוּנָה - חַיָּיו חַיִּים, וְהוּא מְבַלֶּה יְמֵי חַיָּיו בְּטוּב תָּמִיד", וֶוער עֶס הָאט אֱמוּנָה - דֶער לֶעבְּט אַ גוּט לֶעבְּן אוּן עֶר פַארְבְּרֶענְגְט זַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן נָאר מִיט גוּטְס, "כִּי כְּשֶׁהוֹלֵךְ לוֹ כָּרָאוּי וְיֵשׁ לוֹ טוֹב, בְּוַדַּאי טוֹב לוֹ", וַוייל וֶוען עֶס גֵייט אִים אַלֶעס אַזוֹי וִוי עֶר וִויל, אִיז דָאךְ גוּט, "וַאֲפִלּוּ כְּשֶׁאֵינוֹ כָּךְ, דְּהַיְנוּ שֶׁאֵין מִתְנַהֵג לוֹ כְּסֵדֶר וְיֵשׁ לוֹ יִסּוּרִין חַס וְשָׁלוֹם גַּם־כֵּן טוֹב", אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, עֶר לַיידְט יִסּוּרִים חַס וְשָׁלוֹם - אִיז אִים אוֹיךְ גוּט, "כִּי הוּא בָּטוּחַ שֶׁאַף עַל פִּי כֵן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יְרַחֵם עָלָיו לְהַבָּא וְיֵיטִיב אַחֲרִיתוֹ, כִּי מֵאַחַר שֶׁהַכֹּל מֵאִתּוֹ יִתְבָּרַךְ בְּוַדַּאי הַכֹּל לְטוֹבָה", וַוייל עֶר פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוּן אִים הֶעלְפְן, וַוייל ׳אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגְט מִיר דִי שְׁלֶעכְטְס אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דָאס אִיז גוּט פַאר מִיר׳, "אֲבָל מִי שֶׁאֵין לוֹ אֱמוּנָה חַס וְשָׁלוֹם, חַיָּיו אֵינָם חַיִּים כְּלָל, כִּי תֵּכֶף כְּשֶׁעוֹבֵר עָלָיו אֵיזֶה רָעָה שׁוּב אֵין לוֹ שׁוּם חִיּוּת, כִּי אֵין לוֹ בַּמֶּה לְנַחֵם עַצְמוֹ כְּלָל, מֵאַחַר שֶׁאֵין לוֹ אֱמוּנָה כְּלָל, וְאֵין לוֹ שׁוּם חִיּוּת וְשׁוּם טוֹב, מֵאַחַר שֶׁהוֹלֵךְ בְּלִי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּבְלִי הַשְׁגָּחָה רַחֲמָנָא לִצְלָן", אָבֶּער דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין אֱמוּנָה - דֶער הָאט נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, וַוייל וִוי נָאר עֶס גֵייט אִים עֶפֶּעס שְׁלֶעכְט הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שׁוּם טְרֵייסְט, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט מִיט וָואס צוּ טְרֵייסְטְן, וַוייל עֶר גְלֵייבְּט דָאךְ נִישְׁט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, "אֲבָל עַל יְדֵי אֱמוּנָה מַה טּוֹב וְיָפֶה הַחִיּוּת שֶׁלּוֹ כַּנַּ"ל", אָבֶּער דֶער וָואס לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה הָאט אַ שֵׁיינֶע זִיסֶע לֶעבְּן.

## אַ לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

...

### וָואס טוּ אִיךְ אַז מֶען רֶעדְט נִיבוּל פֶּה בַּיי מִיר אִינְדֶערְהֵיים?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאבּ אַ וואוּילֶער שְׁוֶוער, עֶר הֶעלְפְט מִיר שְׁטֶענְדִיג מִיט וָואס עֶר קֶען, בִּכְלַל אִיז עֶר אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וויאַזוֹי מֶען טוּט וֵויי אֵיינֶעם.

אִיךְ הָאבּ אָבֶער אַ פְּרָאבְּלֶעם אַז עֶר נוּצְט זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל אַ שְׁמוּצִיגֶע וָוארְט, לְמָשָׁל לֶעצְטְנְס אִיז עֶר גֶעוֶוען בַּיי מִיר אִינְדֶערְהֵיים, אוּן בִּשְׁעַת דִי קִינְדֶער הָאבְּן גֶעשְׁפִּילְט, וֶוען עֶר וִויל זִיךְ אוֹיסְדְרִיקְן עֶפֶּעס, נוּצְט עֶר דִי שְׁמוּצִיגֶע וָוארְט, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַבִּיסְל שְׁטִילֶער.

אִיךְ בִּין מוֹדֶה אַז אֵיידֶער אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן הָאבּ אִיךְ עֶס אוֹיךְ גֶענוּצְט, אָבֶער יֶעצְט שְׁטֶערְט מִיר עֶס זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן אוֹיךְ כַאפְּט זִיךְ עֶס אַרֵיין בַּיי מַיין וַוייבּ. אִיךְ דַארְף אַן עֵצָה.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ז כִּסְלֵיו, ג' דְּחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ דוּ וֵוייסְט וָואס פַאר אַ צָרוֹת אוּן גְזֵירוֹת - נִיבּוּל פֶּה בְּרֶענְגְט אוֹיף דִי וֶועלְט.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת לג:) אוּן דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט דָאס (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיבּוּל פֶּה, סִימָן ג): "בַּעֲוֹון נִבּוּל פֶּה צָרוֹת וּגְזֵרוֹת מִתְחַדְּשׁוֹת", צוּלִיבּ דִי עֲבֵירָה פוּן נִיבּוּל פֶּה קוּמֶען אַסַאךְ צָרוֹת אוּן נֵייעֶ גְזֵירוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט, "וּבַחוּרֵי יִשְׂרָאֵל מֵתִים, חַס וְשָׁלוֹם", יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן שְׁטַארְבְּן, "וִיתוֹמִים

וְאַלְמָנוֹת צוֹעֲקִים וְאֵינָם נַעֲנִין", יְתוֹמִים און אַלְמָנוֹת שְׁרֵייעֶן פַאר הִילְף און זֵיי וֶוערְן נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, אַלֶעס דוּרְךְ דִי עֲבֵירָה פוּן נִיבּוּל פֶּה.

נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם, סִימָן ד): "הַמְנַבֵּל פִּיו, אֲפִילוּ חוֹתְמִין עָלָיו גְּזַר דִּין שֶׁל שִׁבְעִים שָׁנָה לְטוֹבָה", וֶוער עֶס רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה, אֲפִילוּ מֶען הָאט אִים אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אַ גוּטֶע זַאךְ פַאר זִיבֶּעצִיג יָאר, "הוֹפְכִין עָלָיו לְרָעָה", דְרֵייְדְט מֶען עֶס אִיבֶּער צוּ שְׁלֶעכְט, "גַּם מַעֲמִיקִין לוֹ גֵּיהִנּוֹם", דוּרְךְ נִיבּוּל פֶּה מַאכְט מֶען זִיךְ טִיפֶער דִי גֵיהִנוֹם, "גַּם לַשּׁוֹמֵעַ וְשׁוֹתֵק", און נִישְׁט נָאר דֶער וָואס רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה, נָאר אֲפִילוּ דֶער וָואס הֶערְט אוֹיס נִיבּוּל פֶּה.

נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם, סִימָן ה): "חָמוּר הָאוֹמֵר בְּפִיו", עֶס אִיז אַסַאךְ עֶרְגֶער דִי וָואס רֶעדְן שְׁמוּצִיג מִיטְ'ן מוֹיל, "מִן הָעוֹשֶׂה מַעֲשֶׂה", וִוי דֶער וָואס טוּט שְׁמוּץ; דֶער וָואס רֶעדְט, עֶר דֶערְצֵיילְט אַ שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשֶׂה - אִיז נָאךְ עֶרְגֶער פוּן דֶער וָואס הָאט גֶעטוּן דִי מַעֲשֶׂה.

גֶעוַואלְד און גֶעשְׁרִיגְן פַאר דֶער וָואס רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה, עֶר מַאכְט חָרוּב דִי וֶועלְט! בַּיי אוּנְז אִין יְשִׁיבָה אִיז מֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד אוֹיף נִיבּוּל פֶּה, מֶער וִוי אוֹיף אַלֶעס. אוֹיךְ דִי מְלַמְדִים זֶענֶען זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג אוֹיף דֶעם, אַז מֶען הֶערְט בַּיי אַ קִינְד אֲפִילוּ כְּמוֹ נִיבּוּל פֶּה, אָדֶער וֶוערְטֶער וָואס זֶענֶען נִישְׁט דִי אֵיידֶלְסְטֶע - אִיז מֶען זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּנְז שִׁיקְן אַ רוּחַ טָהֳרָה פוּן הִימְל, מִיר זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

אַ לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## הֶעלְפְן מִשְׁפָּחוֹת נִצְרָכִים זָאלְן הָאבְּן עֶסְן לַשַּׁבָּת וּלְחוֹל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת וַיֵּשֶׁב, י״ט כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן פֹּה קֶערֶעסְטִיר, אֵצֶל צִיּוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי יְשַׁעְיָ׳ בֶּן רֶבִּי מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

**לִכְבוֹד אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר ... נֵרוֹ יָאִיר מִקִּרְיַת בְּרֶסְלֶב אִיז עוֹסֵק אִין דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן הֶעלְפְן מִשְׁפָּחוֹת נִצְרָכִים זָאלְן הָאבְּן עֶסְן לְשַׁבָּת וּלְחוֹל.

אָנָּא, עֶפְנְט עֶנְקֶערֶע הֶערְצֶער אִים צוּ הֶעלְפְן קֶענֶען וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דִי מִצְוָה. וּבִזְכוּת דִי מִצְוָה זָאלְט אִיר הָאבְּן שֶׁפַע, בְּרָכָה וְהַצְלָחָה.

הַחוֹתָם לְמַעַן הַמִּצְוָה בַּיים צִיּוּן פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין דִי מִצְוָה.

...

## טוּ דִי סְגוּלָה פוּן רֶבִּי׳ן צוּ הָאבְּן קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת וַיֵּשֶׁב, י״ט כִּסְלֵיו, קֶערֶעסְטִיר, שְׁנַת תשפ״ב

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי**

פַּארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, דוּ וֶועסְט הָאבְּן קִינְדֶער. טוּ דִי סְגוּלָה פוּן רֶבִּי׳ן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן כב): ״מַה יַּעֲשֶׂה אָדָם וְיִהְיֶה לוֹ בָּנִים״, וָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ טוּן צוּ הָאבְּן קִינְדֶער? ״יְפַזֵּר מְעוֹתָיו לַעֲנִיִּים״, עֶר זָאל גֶעבְּן צְדָקָה, ״וִישַׂמַּח אֶת אִשְׁתּוֹ״, אוּן עֶר זָאל פְרֵיילִיךְ מַאכְן זַיין וַוייבּ; טוּ דִי צְוֵויי עֵצוֹת, גֶעבּ דַיינֶע צְדָקוֹת צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת בַּיי עֶנְק אִין

שְׁטָאט און מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין וַוייבּ. רֶעד שֵׁיין צוּ אִיר, דֶערְצֵייל נִישְׁט דַיין מַאמֶע פְּרִיוַואטֶע זַאכְן צְוִוישְׁן דִיר און דַיין וַוייבּ; אַז דַיין מַאמֶע זוּכְט אַרַיינְצוּקְרִיכְן אִין פְּרִיוַואטֶע זַאכְן - זָאלְסְטוּ זִיךְ מִיט חָכְמָה אַרוֹיסְדְרֵייעֶן.

גֵיי אַרִיבֶּער יֶעדְן טָאג צוּם צִיּוּן פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ מְרִיבְנִיץ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, זַיי זִיךְ דָארְט מִתְבּוֹדֵד, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר קִינְדֶער, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אִידִישׁ, דַיין שְׁפְּרַאךְ; דֶערְצֵייל אִים אוֹיס דַיין הַארְץ.

...

רֶעד צוּ דִי קִינְדֶער אָפֶענֶע וֶוערְטֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ פִירְן הֵיילִיג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - ג' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, פֹּה סִיגוּט

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען דַיין מֶעסִידְזְשׁ.

וֶוער נִישְׁט פַארְלוֹירְן, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ פְרֶעג אוֹיס דִי קִינְדֶער, יֶעדְן אֵיינֶעם פְּרִיוַואט - וָואס אִיז גֶעוֶוען; אוֹיךְ דֶעם קִינְד וָואס דֶער טַאטֶע הָאט דִיר גֶערוּפְן דֶערְצֵיילְן.

אוֹיבּ אִיז אֱמֶת אַז זֵיי טוּעֶן דָאס, זֵיי בַּאהַאלְטְן זִיךְ און צִיעֶן זִיךְ אַרָאפּ דִי הוֹיזְן, זֵיי שְׁפִּילְן זִיךְ און טוּעֶן עֲבֵירוֹת - זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ זֵיי בַּאזוּנְדֶער זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג, און זָאגְן אַז אוֹיבּ דוּ וֶועסְט הֶערְן נָאכְאַמָאל אַז מֶען טוּט דָאס וְכַדוֹמֶה - וֶועסְטוּ בַּאשְׁטְרָאפְן, און אוֹיבּ דוּ וֶועסְט כַאפְּן אַ קִינְד טוּן דָאס מִיט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער - זָאלְסְטוּ אִים גֶעבְן אַ פַּאטְשׁ.

דָאס דַארְף דִיר מְחַזֵּק זַיין צוּ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשַּׁת הַבְּרִית, קְדוּשַּׁת הַיְסוֹד. רֶעד צוּ זֵיי קְלָארֶע וֶוערְטֶער, מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן: "קֵיינֶער טָאר דִיר נִישְׁט אָנְכַאפְּן"; קִינְדֶער פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט מַאֲמָר סָתוּם. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת קד.): "מֶ"ם פְּתוּחָה מֶ"ם סְתוּמָה, מַאֲמָר פָּתוּחַ מַאֲמָר סָתוּם", עֶס זֶענֶען דָא פֶעלֶער וָואס מֶען דַארְף רֶעדְן קְלָאר אָפְן, זָאג זֵיי: "קֵיינֶער קֶען נִישְׁט אַרָאפְּצִיעֶן דַיין הוֹיזְן, דִיר אָנְכַאפְּן בַּיים אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ; עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה צוּ לֵייגְן דִי הֶענְט אוֹיפְ'ן בְּרִית און זִיכֶער נִישְׁט זִיךְ

בַּאהַאלְטְן מִיט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, זִיךְ אָנְכַאפְּן, זִיךְ שְׁפִּילְן מִיטְ'ן בְּרִית".

אוֹיב דוּ וֶועדְסְט גֶעוָואר אוֹיף אַ קִינְד אַז עֶר טוּט דָאס - זָאלְסְטוּ דָאס אָפְּשְׁטֶעלְן וִוי פְּרִיעֶר.

אִיךְ קוּם דֶעם שַׁבָּת אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ וֶועל רֶעדְן מִיט דִיר פָּנִים בְּפָנִים.

...

### חֲנוּכָּה דַארְף מֶען צִינְדְן מִיט דִי קִינְדֶער, זִינְגֶען מִיט זֵיי אוּן טַאנְצְן מִיט זֵיי

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ג' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, פֹּה סִיגוּט

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז דוּ בִּיסְט מִיט גֶעקוּמֶען מִיט דִי נְסִיעָה אוֹיף דִי מְקוֹמוֹת הַקְדוֹשִׁים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל צוּהֶערְן אוּנְזֶערֶע תְּפִילוֹת, מִיר זָאלְן אַהֵיים בְּרֶענְגֶען יְשׁוּעוֹת פַאר אוּנְז אוּן פַאר אַלֶעמֶען.

אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן בַּיי אַלֶע מְקוֹמוֹת הַקְדוֹשִׁים פַאר דִיר, פַאר דַיין וַוייבּ אוּן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער. הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן בַּיי אַלֶע פְּלֶעצֶער דַיין נָאמֶען, דִיר מַזְכִּיר זַיין לְטוֹבָה.

יֶעצְט קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב חֲנוּכָּה, חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט פוּן "לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל", דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט פוּן חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת, מוֹהֲרָא"ש אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אוֹיף דִי וָואס פָארְן אַוֶועק פוּן שְׁטוּבּ אָן דִי מִשְׁפָּחָה; חֲנוּכָּה דַארְף דֶער טַאטֶע צִינְדְן דִי לֶעכְט מִיט דִי קִינְדֶער, זִינְגֶען מִיט זֵיי, טַאנְצְן מִיט זֵיי אוּן אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה.

אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר לִיבּ, אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר.

...

### "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גֶעבּ מִיר קִינְדֶער צַדִיקִים"

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

זָארְגְט נִישְׁט, אִיר וֶועט הָאבְּן קִינְדֶער; פַארְלִירְט זִיךְ נִישְׁט, זַייט נִישְׁט מְקַנֵא קֵיינֶעם; אִיר וֶועט הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע מִשְׁפָּחָה מִיט קִינְדֶער.

אִיךְ בִּין יֶעצְט אִינְמִיטְן אַ נְסִיעָה אִין אֵייְרָאפֶּע, מִיר זֶענֶען יֶעצְט בַּיים גְרֶענִיץ צְווִישְׁן אוּנְגַארְן אוּן רוּמֶענְיֶע, מֶען וַוארְט דָא מֶען זָאל אוּנְז דוּרְכְלָאזְן, קֶען אִיךְ שְׁרַייבְּן אַבִּיסְל בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט פַאר עֶנְק בַּיי אַלֶע צַדִיקִים; אִיךְ הָאבּ מַזְכִּיר גֶעוֶוען אַייעֶר נָאמֶען אִין אוּהֶעל אוּן אִין קֶערֶעסְטִיר, אִיר וֶועט בְּקָרוֹב זֶען אַ יְשׁוּעָה.

זָאגְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִים אוּן בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ פַאר אַייךְ, פַאר אַייעֶר מַאן אוּן פַאר אַייעֶרֶע קוּמֶענְדִיגֶע דוֹרוֹת.

נֶעמְט זִיךְ פָאר צוּ צִינְדְן שַׁבָּת לִיכְט אַפָּאר מִינוּט פְרִיעֶר; צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַז דֶער זְמַן הַדְלָקָה אִיז 4:20 זָאלְט אִיר צִינְדְן 4:10 אָדֶער 4:15, אוּן בֶּעטְס בַּיי דִי לִיכְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גֶעבּ מִיר קִינְדֶער צַדִיקִים, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן דִיךְ דִינֶען, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לִיכְטִיג מַאכְן דִי וֶועלְט. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן מַיין מַאן, מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט אֱמֶתְ׳עֶ לִיבְּשַׁאפְט", אָמֵן.

...

### קוּקְט וָואס אַ גוּט וָוארְט טוּט מִיט אַ מֶענְטְשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ״א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד דִי חָשׁוּבְ׳עֶ מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ שִׁיק אַייךְ דָא אַ בְּרִיוֶועלֶע וָואס אַ תַּלְמִידָה הָאט גֶעשִׁיקְט וואוּ זִי בַּאדַאנְקְט זִיךְ פַאר דִי סְקוּל, וִוי זִי אִיז זִיךְ מְחַיֶ׳ מִיט דִי גוּטֶע וֶוערְטֶער, מִיט דִי שְׁמֵייכְל.

קוּקְט וָואס אַ גוּט וָוארְט טוּט מִיט אַ מֶענְטְשׁ, קוּקְט וִוי עֶס אִיז אַזוֹי

שְׁטַארְק מְחַיֶּ׳.

טוּט דָאס מִיט אַלֶע תַּלְמִידוֹת.

...

**לְכָבוֹד דֶער חָשׁוּבֶ׳עֶר רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א:**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעשְׁמַאקֶע סְקוּל, אִיךְ הָאבּ אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ צוּ זַיין דָא.

הַיינְט אִינְדֶערפְרִי וֶוען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אִין סְקוּל זָאגְט מִיר מָרַת ...: ״גוּט מָארְגְן ...‚ דַיין שִׁיךְ אִיז אַזוֹי שֵׁיין״.

וואוּ אִין דִי וֶועלְט הֶערְט מֶען אַזַא זַאךְ - אַ פְּרִינְצִיפְּל זָאל גֶעבְּן אַ קָאמְפְּלִימֶענְט פַּאר אַ מֵיידְל? נָאכְדֶערְצוּ אוֹיף שִׁיךְ?!

...

### זַיין אַ מְלַמֵּד מִיט שְׁטַארְקֵייט אָבֶּער מִיט גֶעשְׁמַאק

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ״א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

מִיר זֶענֶען זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן דַיין מְלַמְּדוּת, דִי קִינְדֶער קֶענֶען זֵייעֶר גוּט דִי לִימוּדִים. זֵיי ווִילְן גֵיין אִין חֵדֶר, זֵיי גֵייעֶן מִיט אַ שִׂמְחָה; עֶס אִיז דָא בַּיי דִיר אִין כִּתָּה אַ גֶעשְׁמַאקֶע לוּפְט, אַ פְרֵיילִיכֶע לוּפְט.

מְלַמְּדוּת אִיז אַ חָכְמָה וְאֵינָהּ מְלָאכָה; פוּן אֵיין זַייט דַארְף זַיין אַ שְׁטַארְקֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ, אַ וָוארְט פוּן אַ מְלַמֵּד דַארְף זַיין אַ וָוארְט, מֶען מוּז פָאלְגְן, מֶען מוּז זַיין מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ. פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט טָאר אָבֶּער נִישְׁט זַיין קַיין שְׁרֶעק, עֶס דַארְף זַיין אַיינְגֶענֶעם; נָאר אַזוֹי קֶענֶען דִי קִינְדֶער אוֹיפְכַאפְּן דִי לִימוּדִים.

רֶעד צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה, רֶעד צוּ זֵיי קְלָאר וָואס מֶען טָאר נִישְׁט טוּן; קְלֵיינֶע קִינְדֶער קֶען מֶען נִישְׁט זָאגְן ״אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ״, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס מֶען רֶעדְט, מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ זֵיי קְלָארֶע וֶוערְטֶער לוֹיט זֵייעֶר פַארְשְׁטַאנְד.

יֶעצְט קוּמְט חֲנוּכָּה, זָאלְסְטוּ זִיצְן בַּיי דִי הֵיילִיגֶע לִיכְט און דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נִיסִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר.

אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר לִיבּ.

...

## כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט דַארְפְן נִישְׁט צָאלְן שְׂכַר לִימוּד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ״א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אַהֵיים בְּשָׁלוֹם. אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט אַז דוּ בִּיסְט מִיט גֶעקוּמֶען מִיט דִי נְסִיעָה אוֹיף מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים מִתְפַּלֵּל זַיין בַּיי דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ.

אִיךְ וִויל אַיינְפִירְן בַּיי אוּנְז אִין מוֹסָד אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן שׁוֹין פוּן פְרִיעֶר אָפְּגֶעמַאכְט אַז מְלַמְדִים דַארְפְן נִישְׁט צָאלְן "שְׂכַר לִימוּד" פַּאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער; וִויל אִיךְ אַיינְפִירְן פוּן הַיינְט אַז אוֹיךְ דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט זָאלְן נִישְׁט דַארְפְן צָאלְן קַיין שְׂכַר לִימוּד.

דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט בַּאקוּמֶען אַ קְלֵיינֶע גֶעהַאלְט, אַ צַייטְלִיכֶער אִינְגֶערְמַאן וָואס פֶּעלְט נִישְׁט און הַאלְט דִי זְמַנִים בַּאקוּמְט אַ יָאר צְוֶועלְף טוֹיזְנְט דָאלֶער; דָאס אִיז זֵייעֶר אַ קְלֵיינֶער גֶעהַאלְט, אִיךְ וִויל זֵיי הֶעלְפְן זֵיי זָאלְן קֶענֶען לֶערְנֶען מִיט יִשּׁוּב הַדַעַת.

גֶעבּ אִיבֶּער אִין אָפִּיס דִי נַייעֶ זַאךְ.

שְׁטַארְק זִיךְ, זַיי מְחַזֵק אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, גֶעבּ יֶעדְן גוּטֶע וֶוערְטֶער, גֶעבּ יֶעדְן חִיזוּק; דָאס וֶועט דִיר מְחַזֵק זַיין. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן קפד) אַז עֵצָה צוּ קוּמֶען צוּ גַּדְלוּת הַמוֹחִין אִיז צוּ מְחַזֵק זַיין אַנְדֶערֶע.

...

### אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט מִיךְ פוּן שְׁלֶעכְטְס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ״א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**דִי חֲשׁוּבְ׳עֶ תַּלְמִידָה ... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הֶער זֵייעֶר גוּטֶע גְרוּסְן אוֹיף אַייךְ, אַייעֶרֶע טִיטְשֶׁערְס זָאגְן אַז אִיר פִירְט זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אִיר זֶענְט צְנִיעוּת׳דִיג אוּן אֵיידְל; אִיר מַאכְט מִיר אַסַאךְ נַחַת, אוֹיךְ הָאבְּן אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן נַחַת פוּן אַייךְ.

וָואס אִיר דַארְפְט - זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֶען מֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר הֶעלְפְן אַייעֶר מַאמֶע, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ הֶעלְפְן אַ מַאמֶע.

שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט גוּטֶע מֵיידְלֶעךְ אוּן חַבֶר׳ט זִיךְ נָאר מִיט גוּטֶע מֵיידְלֶעךְ; אִיר זָאלְט זַיין פוּן דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס פָאלְגְן וָואס דִי טִיטְשֶׁער זָאגְט.

בֶּעפָאר אִיר גֵייט שְׁלָאפְן זָאלְט אִיר קוּשְׁן דִי מְזוּזָה אוּן בֶּעטְן בַּיי דִי מְזוּזָה: ״אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט מִיךְ פוּן שְׁלֶעכְטְס״; דֶעמָאלְט וֶועט אִיר נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן גָארְנִישְׁט.

פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

### הַדְרָכָה פַאר אַ בָּחוּר וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ״א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַזָל טוֹב פַאר דַיין בַּר מִצְוָה! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אוֹיסְוַואקְסְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דַיין טַאטֶע הָאט מִיר גֶעשִׁיקְט בִּילְדֶער פוּן דַיין בַּר מִצְוָה; אִיךְ בַּאוואוּנְדֶער דַיין קְלוּגְשַׁאפְט, דוּ בִּיסְט יוּנְג אָבֶּער דוּ הָאסְט שֵׂכֶל מֶער פוּן עֶלְטֶערֶע, דוּ הָאסְט גֶעבֶּעטְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן פַאר אַ פָּשׁוּטְ׳עֶ בַּר מִצְוָה, עֶס הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעקָאסְט קַיין גֶעלְט; ווארִיל אִיז דִיר.

דו בֶּעטְסְט אִיךְ זָאל דִיר שְׁרַייבְּן הַדְרָכָה וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין לֶעבְּן.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִינְדֶערְפְרִי זָאלְסְטוּ אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער, גֵיי נִישְׁט אַרָאפּ פוּן בֶּעט אָן נֶעגְל וַואסֶער. טוּ זִיךְ אָן אוּן גֵיי אִין מִקְוֶה, דֶער רֶבִּי זָאגְט: "דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז מִקְוֶה"; בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים זֶענֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד נִישְׁט צוּ פַארְפֶעלְן מִקְוֶה קַיין אֵיין טָאג.

יֶעצְט אַז דוּ בִּיסְט אִין יְשִׁיבָה זָאלְסְטוּ גֵיין מִיט זֵייעֶר סֵדֶר הַיּוֹם; וֶוען מֶען דַארְף זַיין בַּיים לֶערְנֶען - זָאלְסְטוּ זַיין גְרֵייט אִין צַייט, אוּן וֶוען מֶען דַארְף זַיין בַּיים דַאוֶונֶען - זָאלְסְטוּ זַיין גְרֵייט, סֵדֶר אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

וֶוען דוּ הָאסְט אִיבְּרִיגֶע צַייט זָאלְסְטוּ זִיךְ מְסַדֵּר זַיין אַ סֵדֶר צוּ לֶערְנֶען דִי שִׁיעוּרִים. דִי עֶרְשְׁטֶע שִׁיעוּר זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אִין מִקְרָא; לֶערְן יֶעדְן טָאג אַ חֵלֶק פוּן דִי פַּרְשָׁה, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, בִּיז סוֹף וָואךְ - דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם מִיט רַשִׁ"י.

דִי צְוֵוייטֶע שִׁיעוּר זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אִין מִשְׁנַיוֹת; זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים, אוֹיבּ אִיז דִיר שְׁוֶוער צוּ זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים אִין אֵיין צִי קֶענְסְטוּ עֶס אַיינְטֵיילְן אִין דְרֵיי; זֶעקְס פְּרָקִים אִינְדֶערְפְרִי, זֶעקְס פְּרָקִים נָאכְמִיטָאג אוּן זֶעקְס פְּרָקִים בַּיינַאכְט.

אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר אַ יוּנְגֶער בָּחוּר; קוּק נִישְׁט אוֹיבּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט וָואס דוּ לֶערְנְסְט, דוּ זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי מִשְׁנַיוֹת, פַארְשְׁטֵייסְט אִיז גוּט אוּן אַז נִישְׁט זָאלְסְטוּ וַוייטֶער זָאגְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע עַקְשָׁנוּת, דָאס וֶועט דִיר מַאכְן פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא אוּן אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים.

וֶוען עֶס וֶוערְט נַאכְט - גֵיי שְׁלָאפְן; דְרֵיי זִיךְ נִישְׁט אִין דִי גַאסְן, גֵיי נִישְׁט צוּ קַיין חַבּוּרוֹת, גֵיי שְׁלָאפְן פְרִי אוּן שְׁטֵיי אוֹיף פְרִי.

זַיי מַקְפִּיד אוֹיף קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה. זַיי זִיךְ מַרְגִּיל צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע בְּנֻסַּח אַרִיזַ"ל; אָנְהֵייבּ אִיז דָאס שְׁוֶוער, אָבֶער אַז מֶען טוּט דָאס אַ

לַאנְגֶע צַייט אִין אֵיין צִי - וֶוערְט דָאס וִוי אַ גֶעוואוֹינְהֵייט.

וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת, רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ; בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זַיין אַ צַדִיק, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר מְקַרֵב זַיין צוּ אִים. רֶעד צוּ אִים אַלֶעס וָואס לִיגְט דִיר אוֹיפְ'ן הַארְץ, זָאג אִים וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין גוּט, ווִי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין עֶרְלִיךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז הִתְבּוֹדְדוּת, דָאס אִיז דִי סוֹד ווִי אַזוֹי מֶען וֶוערְט אַ צַדִיק.

שְׁרַייבּ מִיר לְכָל הַפָּחוֹת יֶעדֶע וָואךְ אַ בְּרִיוו וֶועסְטוּ מִיר מְחַיֶ' זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### טַעֲנָה נִישְׁט מִיט דַיין וַוייבּ וֶועגְן בְּרֶסְלֶב

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַסַאךְ פְּרִישֶׁע מְקוֹרָבִים מַאכְן דָאס מִיט, דִי וַוייבּ ווִיל נִישְׁט הֶערְן פוּן בְּרֶסְלֶב צוּלִיבּ הֶערְן לָשׁוֹן הָרָע'ס אוֹיף בְּרֶסְלֶב.

דֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפב): "עָלַי אֵין חוֹלְקִים כְּלָל, רַק הֵם חוֹלְקִים עַל מִי שֶׁעָשָׂה כָּךְ, כְּמוֹ שֶׁבּוֹדִים הַחוֹלְקִים עָלָיו, וְעַל אִישׁ כָּזֶה בְּוַדַּאי רָאוּי לַחֲלֹק", אוֹיף מִיר קְרִיגְן זֵיי נִישְׁט, זֵיי קְרִיגְן אוֹיף אֵיינֶעם וָואס מֶען זָאגְט אוֹיף אִים דִי אַלֶע לָשׁוֹן הָרָע'ס, אוּן אוֹיף אִים דַארְף מֶען קְרִיגְן, אוֹיף אַזַא אֵיינֶעם קְרִיג אִיךְ אוֹיךְ; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "זֵייא הָאבִּין זִיךְ אוֹיס גִישְׁנִיצְט אַ מֶענְטְשׁ, אִין קְרִיגְן אוֹיף אִיהם", אוֹיף אִים קְרִיג אִיךְ אוֹיךְ.

טַעֲנָה נִישְׁט מִיט דַיין וַוייבּ, זָאג אִיר אַז דוּ הָאסְט חַיוּת פוּן דִי שִׁיעוּרִים אוּן פוּן דִי סְפָרִים. פָאלְג וָואס שְׁטֵייט אִין דִי סְפָרִים; פָאלְג דֶעם רֶבִּי'ן, זַיי אִיר מְכַבֵּד. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד) "הֲלֹא הַנָּשִׁים הֵם סוֹבְלִים צַעַר וְיִסּוּרִים

גְּדוֹלִים מְאֹד מְאֹד מִיַּלְדֵיהֶם, צַעַר הָעִבּוּר וְהַלֵּדָה וְהַגִּדּוּל, כַּאֲשֶׁר יָדוּעַ לַכֹּל עֹצֶם מַכְאוֹבָם וְצַעֲרָם וְיִסּוּרֵיהֶם", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: מֶען דַארְף זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי וַוייבּ, וַוייל זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער זַייעֶר אַסַאךְ וֵוייטָאג פוּן צַעַר גִּדּוּל בָּנִים, צַעַר לֵידָה וְכוּ'.

אוּן רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט (שָׁם, סִימָן רסג): "סִפֵּר לִי אֶחָד שֶׁהָיָה מֵשִׂיחַ עִמּוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה מֵעִנְיַן בְּנֵי הַנְּעוּרִים, שֶׁשָּׁכִיחַ מְאֹד שֶׁנַּעֲשֶׂה קִלְקוּל בֵּינֵיהֶם וּבֵין נְשׁוֹתֵיהֶם, וְנִפְרָדִים זֶה מִזֶּה אֵיזֶה זְמַן, וְלִפְעָמִים נַעֲשֶׂה מִזֶּה פֵּרוּד לְגַמְרֵי חַס וְשָׁלוֹם", אֵיינֶער הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁמוּעֶס מִיטְ'ן רֶבִּי'ן אִיבֶּער דֶעם וָואס מֶען זֶעט אִינְגֶעלַייט צֶעטֵיילְן זִיךְ פַּאר אַ שְׁטִיק צַייט אוּן אַסַאךְ מָאל וֶוערְט נָאכְדֶעם אַ גֶט חַס וְשָׁלוֹם, "אָמַר, שֶׁזֶּה מַעֲשֶׂה בַּעַל דָּבָר, שֶׁמַּנִּיחַ אֶת עַצְמוֹ עַל זֶה מְאֹד, לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁל בְּנֵי הַנְּעוּרִים, כְּדֵי שֶׁיִּתָּפְסוּ בִּמְצוּדָתוֹ חַס וְשָׁלוֹם עַל יְדֵי זֶה", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז מַעֲשֶׂה בַּעַל דָּבָר. דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט מֶען זָאל זִיךְ צֶעטֵיילְן, וַוייל אַז מֶען אִיז אָן אַ וַוייבּ כַּאפְּט עֶר אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ בַּיי אִים אִין זַאק אַרַיין, "כִּי הוּא אוֹרֵב עַל זֶה מְאֹד, לְתָפְסָם בִּנְעוּרֵיהֶם עַל יְדֵי קִלְקוּל הַשְּׁלוֹם בֵּית חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁגּוֹרֵם בְּעַרְמוּמִיּוּתוֹ לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁבֵּינֵיהֶם", וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע לָאקֶערְט אוֹיף יוּנְגֶע פָּארְפֶעלְקֶער זֵיי צוּ צֶעטֵיילְן אוּן אַזוֹי כַּאפְּט עֶר זֵיי אַרַיין אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת.

אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט טַעְנָה'עֶן; דוּ וֶועסְט נֶעמֶען דֶעם רֶבִּי'ן פַּאר דִיר, דוּ וֶועסְט לֶעבְּן מִיט דִי עֵצוֹת - וֶועט זִי מִיט דִי צַייט דִיךְ מֶער נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען; זִי וֶועט אוֹיךְ מְקוּרָב וֶוערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קִינְדֶער קֶען מֶען נִישְׁט גֶעבְּן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס גֶעבְּט קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אַז דַיין וַוייבּ אִיז נִישְׁט רוּאִיג מִיט דִי זַאךְ וָואס בּוֹנֵי עוֹלָם וִויל מַאכְן - זָאלְסְטוּ עֶס נִישְׁט מַאכְן, וַוייל קִינְדֶער אִיז אַ זַאךְ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט; קִינְדֶער קֶען מֶען נִישְׁט גֶעבְּן, קִינְדֶער קֶען מֶען נִישְׁט מַאכְן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס גֶעבְּט קִינְדֶער; נָאר וָואס דֶען, אוֹיבּ דִי וַוייבּ זָאגְט אַז זִי וִויל טוּן עֶפֶּעס, זִי וִויל גֵיין צוּם דָאקְטֶער, זִי וִויל גֵיין צוּ בּוֹנֵי עוֹלָם, זִי וִויל טוּן, זִי וִויל מַאכְן, זִי וִויל נִישְׁט וַוארְטְן - דֶעמָאלְט טוּט מֶען אַלֶעס וָואס מֶען קֶען, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ נָאר מִיט דַעַת תּוֹרָה. אָבֶּער אִין דַיין פַאל וָואס דַיין וַוייבּ אִיז אִינְגַאנְצְן נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט דִי זַאכְן פוּן בּוֹנֵי עוֹלָם, אִיז וֶוער שְׁטוּפְּט דִיר צוּ טוּן דִי אַלֶע זַאכְן? פַארְוָואס דַארְפְסְטוּ דָאס טוּן? אִיז דָאךְ בֶּעסֶער דוּ זָאלְסְט נָאכְאַמָאל גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאכְאַמָאל גֵיין צוּם פּוּשְׁקֶע, אַרַיינְוַוארְפְן אַפָּאר פְּרוּטוֹת אוּן בֶּעטְן: **"תֶּן לִי בָנִים - בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר קִינְדֶער"** (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת צְדָקָה חֵלֶק ב', סִימָן יד; תְּפִלָּה חֵלֶק ב', סִימָן ט).

גֵיי נִישְׁט צוּרִיק צוּ זֵיי, עֶס פֶּעלְט בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיס; אֵיין קַאפִּיטְל תְּהִלִּים מִיט הֵייסֶע טְרֶערְן טוּט מֶער אוֹיף וִוי דָאס וָואס זֵיי וִוילְן מַאכְן מִיט עֶנְק, אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן הַאַרְץ אִיז מֶער וֶוערְד פוּן דִי גְרֶעסְטֶע דָאקְטוֹרִים; זָאלְסְטוּ גָארְנִישְׁט מַאכְן.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן, דוּ וֶועסְט נָאכְאַמָאל צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת מִיט רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער, הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דַיינֶעט וֶועגְן"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן טָאג נָאךְ טָאג, אוּן אֲפִילוּ הוּנְדֶערְט מָאל אַ טָאג - בִּיז דוּ וֶועסְט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**יְיַשֶׁר כֹּחַ אוֹיף דִי שְׁוֶועֶרֶע אַרְבֶּעט וָואס אִיר טוּט מִיט אוּנְזֶער זוּן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד דֶער חָשׁוּבְ׳עֶר מְלַמֵּד הר״ר ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער אוֹיסְצוּדְרוּקְן אוּנְזֶער הַכָּרַת הַטּוֹב אוֹיף דִי שְׁוֶועֶרֶע אַרְבֶּעט וָואס אִיר טוּט מִיר אוּנְזֶער זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה וְסִיַּעְתָּא דִשְׁמַיָּא אִין אַייעֶר אַרְבֶּעט, אוּן נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים.

...

**נָאר מִיט אֱמוּנָה קֶען מֶען דוּרְכְגֵיין אַלֶע שְׁוֶועֶרֶע צַייטְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - א׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ה כִּסְלֵיו, א׳ דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ זִיץ יֶעצְט בַּיי דִי הֵיילִיגֶע לִיכְט, אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵל פַאר עֶנְק, פַאר אַייעֶר אֵיינִיקְל, עֶר זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה - זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק; בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן נֵר חֲנוּכָּה וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים שִׁיקְן אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה.

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אֱמוּנָה; נָאר מִיט אֱמוּנָה קֶען מֶען דוּרְכְגֵיין אַלֶע שְׁוֶועֶרֶע צַייטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן קנה): ״אֱמוּנָה הִיא בְּחִינַת כֹּחַ הַגּוֹדֵל וְכֹחַ הַצּוֹמֵחַ״, אֱמוּנָה מַאכְט וַואקְסְן, אֱמוּנָה גֶעבְּט כֹּחַ אָנְצוּגֵיין, ״אֲזַי אֵין מַזִּיק לוֹ שׁוּם דָּבָר״, קַיין שׁוּם זַאךְ קֶען אִים נִישְׁט שָׁאדְן מַאכְן, ״וְאֵינוֹ יָרֵא מִשּׁוּם אָדָם וְשׁוּם דָּבָר״, אוּן מֶען הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, ״כִּי לֹא אִכְפַּת לֵהּ שׁוּם דָּבָר״, עֶס גֵייט אִים גָארְנִישְׁט אָן, מֶען אִיז אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זָאגְט פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זָאגְן דִי פַּרְשָׁה פוּן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ,

״וּבְרָאשֵׁי חָדְשֵׁיכֶם״. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן קנא): ״כְּשֶׁהַתִּינוֹק חוֹלֶה, חַס וְשָׁלוֹם, יֹאמְרוּ אָז גַּם כֵּן הָאִישׁ וְהָאִשָּׁה פָּרָשַׁת ׳וּבְרָאשֵׁי חָדְשֵׁיכֶם׳״.

אִיךְ וַוארְט אִיר זָאלְט מִיר מְבַשֵּׂר זַיין גוּטֶע בְּשׂוּרוֹת.

...

## דֶער מַאן אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן, עֶר אִיז אָבֶּער וואוֹיל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – א׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ה כִּסְלֵיו, א׳ דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ זִיץ יֶעצְט בַּיי דִי לִיכְט, אִיךְ בֶּעט פַאר אַייךְ.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, זַייט בְּשָׁלוֹם מִיט אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר. עֶר אִיז אַ וואוֹילֶער אִינְגֶערְמַאן, עֶס הָאט פַּאסִירְט וָואס הָאט פַּאסִירְט, דָאס מֵיינְט נָאכְנִישְׁט אַז עֶר אִיז שְׁלֶעכְט. עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערֶע נִסָּיוֹן, עֶר אִיז אָבֶּער אַ וואוֹילֶער אִיד, עֶר הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס הָאט פַּאסִירְט, עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, פַארְגֶעסְט וָואס אִיז גֶעוֶוען, הוֹיבְּט אָן פוּנְדָאסְנֵיי. אִיר הָאט גֶעהֶערְט דִי סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת שִׁיעוּר? אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ אַייךְ; אִיךְ הָאף אִיר הָאט זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען אַז דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז שָׁלוֹם.

אַ לִיכְטִיגֶער חֲנוּכָּה.

...

## אַז מֶען טוּט עֲבֵירוֹת וֶוערְט מֶען פַארְשֶׁעמְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – א׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ה כִּסְלֵיו, א׳ דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי מַעֲשֶׂה וָואס דוּ גֵייסְט יֶעצְט אַרִיבֶּער, דַיין ווַייבּ הָאט דִיר גֶעכַאפְּט בַּיי דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, זִי הָאט דִיר גֶעטְרָאפְן קוּקְן עֲבֵירוֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ –

דָאס דַארְף דִיר אוֹיפְוֶועקְן פוּן דַיין טִיפֶע שְׁלָאף.

יֶעצְט אִיז דִי צַייט דוּ זָאלְסְט זֶען וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן דש): "אָדֶער אַ נִסָּיוֹן אָדֶער אַ בִּזָּיוֹן"; אַז מֶען טוּט עֲבֵירוֹת, מֶען קוּקְט מִיסְט - וֶוערְט אוֹיס נִסָּיוֹן, עֶס וֶוערְט אַ בִּזָּיוֹן, מֶען וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט. יֶעצְט אִיז אַ צַייט דוּ זָאלְסְט אַוֶועקְוַוארְפְן דַיין טֶעלֶעפָאן, אַייפַּאד, אַייפֶּעד; דִי אַלֶע מַאשִׁינְדְלֶעךְ אוֹיף וָואס דוּ קוּקְסְט דִי זַאכְן, צֶעבְּרֶעךְ עֶס אוֹיף פִּיצְלֶעךְ אוּן מַאךְ זִיךְ אַ קַבָּלָה אַז דוּ נֶעמְסְט מֶער נִישְׁט אַרַיין אִין דִי הֶענְט דִי זַאכְן. אִין דֶעם זְכוּת וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, עֶס וֶועט צוּרִיק וֶוערְן לִיבְּשַׁאפְט צְוִוישְׁן עֶנְק.

דוּ דַארְפְסְט וִויסְן, וֶוען דִי וַוייבּ זֶעט אִיר מַאן אִיז נִישְׁט עֶרְלִיךְ קֶען דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ וֶוערְן אוֹיס. דֶער רֶבִּי הָאט דָאס שׁוֹין גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קח): "אַ מֶענְטְשׁ פוּן אֵיין תַּעֲנוּג'ל וֶועגְן פוּן אַ פֶערְטְל שָׁעָה, קָאן עֶר אָן וֶוערְן גָאר דֶעם עוֹלָם הַזֶּה מִיט דֶעם עוֹלָם הַבָּא", וֶועגְן אַ תַּאֲוָה'לֶע פוּן אַ פֶערְטְל שָׁעָה קֶען אַ מֶענְטְשׁ פַארְלִירְן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט; דֶערִיבֶּער, אַז דָאס הָאט יֶעצְט פַּאסִירְט, דַיין וַוייבּ אִיז אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט אוּן דוּ בִּיסְט פַארְשֶׁעמְט - זָאלְסְטוּ נִישְׁט טְרַאכְטְן קַיין צְוֵויי, נָאר גְלַייךְ צֶעבְּרֶעכְן אַלֶע עֲבוֹדָה זָרָה'ס, מֶער נִישְׁט הָאבְּן בַּיי זִיךְ קַיין שׁוּם מַאשִׁין וָואס מֶען קֶען קוּקְן דֶערוֹיף עֲבֵירוֹת.

אִיךְ זֶע מִיט מַיינֶע אוֹיגְן דָאס וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוֹטָה ג.): "אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנַס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת", אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט נִישְׁט נָאר נָאכְדֶעם וָואס עֶר וֶוערְט מְשׁוּגָע; וַוייל שֵׂכֶל'דִיג הָאט דָאס נִישְׁט קַיין זִין. דוּ הָאסְט אַ טַייעֶרֶע וַוייבּ, זִי אִיז דִיר אַזוֹי גֶעטְרֵיי, זִי וִויל נָאר דִיר, זִי דַארְף נָאר דִיר, פַארְוָואס אִין דֶער וֶועלְט זָאל אֲפִילוּ אִינְטֶערֶעסִירְן צוּ זוּכְן אִין מִיסְט? וָואס הָאט מֶען פוּן מִיסְט?! אֵיין תֵּירוּץ אִיז דָא, דֶער רוּחַ שְׁטוּת, דָאס שְׁטוּפְּט צוּ דִי זַאכְן.

דֶער רֶבִּי הָאט אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי מֶען קֶען פָּטוּר וֶוערְן פוּנֶעם רוּחַ שְׁטוּת, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן א): "הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה הִיא מַכְנִיעַ אֶת הַיֵּצֶר הָרָע", דִי תּוֹרָה אוּנְטֶערְטֶעניִגְט דֶעם יֵצֶר הָרָע, "שֶׁרוֹצֶה לַעֲשׂוֹת אֶת

הָאָדָם מְשֻׁגָּע מַמָּשׁ, חַס וְשָׁלוֹם", - וָואס וויל מְשׁוּגָע מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ חַס וְשָׁלוֹם, "כִּי בַּעַל עֲבֵרָה הוּא מְשֻׁגָּע", אַ בַּעַל עֲבֵירָה אִיז אַ מְשׁוּגֶע'נֶער; זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּרִיק נֶעמֶען לֶערְנֶען לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת, זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, כְּסִדְרָן דַיְקָא, עַל פִּי סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד שֶׁקִּבַּלְנוּ מֵרַבֵּינוּ (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו); אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי ווערְטֶער, דָאס וֶועט דִיר אַרוֹיס קְלַאפְּן דִי שִׁגָּעוֹן פוּן קוּקְן אוֹיף עֶקֶלְדִיגֶע אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע עֲבֵירוֹת.

אוֹיךְ וֶועט דִיר דָאס צוּרִיק בְּרֶענְגֶען דַיין חֵן; דוּ דַארְפְסְט דָאךְ יֶעצְט חֵן, דַיין וַוייבּ אִיז אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, זִי וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט זִיךְ, זִי הָאט דִיר אַזוֹי אַרוֹיפְגֶעקוּקְט, אוּן יֶעצְט אִיז זִי אַזוֹי אוֹיסֶער זִיךְ.

אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן רֶעדְן צוּ דַיין וַוייבּ, אָבֶּער נָאר אַז דוּ וַוארְפְסְט אַוֶועק דִי זַאכְן. דוּ וֵוייסְט ווִי שְׁטַארְק מִיךְ בַּאדֶערְט וֶוען אִיךְ זֶע בַּיי תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה, בָּחוּרִים, אִינְגֶעלַייט - דִי זַאכְן; אִיךְ זָאג נִישְׁט גָארְנִישְׁט צוּלִיבּ מַיינֶע פְּרִיוַואטֶע טַעֲמִים, אָבֶּער עֶס טוּט מִיר אַזוֹי וֵויי צוּ זֶען אַז מֶען פָּאלְגְט נִישְׁט מוֹהֲרַאַ"שׁ, מֶען הַאלְט זִיךְ קְלוּגֶער, מֶען גֵייט קֶעגְן דִי רַבָּנִים וְצַדִּיקִים וָואס זָאגְן מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין טֶעלֶעפָאן וְכַדּוֹמֶה.

וֶוער לַיידְט בַּיים סוֹף? דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיין! דִי שָׁלוֹם בַּיִת פְּלַאצְט, מֶען פַארְלִירְט דִי וַוייבּ אוּן דִי קִינְדֶער.

ווארִיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט שֵׂכֶל אַוֶועק צוּ וַוארְפְן זַיין שֵׂכֶל, עֶר וֵוייסְט צוּ פָּאלְגְן צַדִּיקִים, עֶר אִיז פֶעלְזְן פֶעסְט נִישְׁט צוּ הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן, קָאמְפְּיוּטֶער, אֵייפַּאד וְכַדּוֹמֶה - וָואס מֶען קֶען זֶען עֶקֶלְדִיגֶע זַאכְן, עֶר הַאלְט זַיין שְׁטוּבּ רֵיין - וֶועט עֶר הָאבְּן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט.

אַז דוּ נֶעמְסְט זִיךְ אוּנְטֶער דִי צְוֵויי זַאכְן, דוּ וַוארְפְסְט אַוֶועק דִי זַאכְן אוּן דוּ גֵייסְט לֶערְנֶען אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת - וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה; דַיין שָׁלוֹם בַּיִת וֶועט נָאר וֶוערְן שְׁטֶערְקֶער אוּן בֶּעסֶער, דוּ וֶועסְט צוּרִיק בַּאקוּמֶען דַיין חֵן בַּיי אִיר אוּן דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

בַּיינַאכְט זָאלְסְטוּ אַהֵיים גֵיין, בְּלַייבּ נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן מִיט קֵיינֶעם; גֶעדֶענְק, אֵיינֶער וַוארְט דִיר אִין שְׁטוּבּ, דוּ הָאסְט אַ וַוייבּ, זִי וַוארְט אִין שְׁטוּבּ. שְׁמוּעֶס מִיט אִיר, פַארְבְּרֶענְג מִיט אִיר, שְׁפַּאצִיר מִיט אִיר. נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק בִּיסְטוּ גֶעוֶוען אַלֵיין, הָאסְט גֶעוֵויינְט אַז דוּ ווִילְסְט חֲתוּנָה הָאבְּן, הָאסְט גֶעטְרַאכְט 'אֵיינְמָאל אִיךְ וֶועל חֲתוּנָה הָאבְּן וֶועל אִיךְ נָאר קוּקְן אוֹיף מַיין וַוייבּ, אִיךְ וֶועל דֶעמָאלְט זַיין עֶרְלִיךְ'; זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיפְפִירִישְׁן, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַ שְׁטוּבּ, הָאסְט אַ וַוייבּ מִיט קִינְדֶער.

בַּיי מִיר בִּיסְטוּ גָארְנִישְׁט וֶוייניגֶער גֶעוָוארְן, אִיךְ הָאבּ דִיר נָאכְאַלְץ זֵייעֶר לִיבּ; בַּיי מִיר בִּיסְטוּ זֵייעֶר חָשׁוּב, אִיךְ ווִיל נָאר דַיין גוּטְס, אִיךְ ווִיל דַיין טוֹבָה.

...

### אַז דֶער טַאטֶע קוּמְט נִישְׁט אַהֵיים, זָאל דִי מַאמֶע צִינְדְן מִיט דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ה כִּסְלֵיו, א' דַּחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אַז אַייעֶר מַאן קוּמְט נִישְׁט אַהֵיים, זַיין סֵדֶר אִיז פַארְדְרֵייְדְט; עֶר שְׁלָאפְט בַּייטָאג אוּן אִיז אוֹיף בַּיינַאכְט, עֶר קוּמְט עֶרְשְׁט אַהֵיים פַארְטָאגְס - זָאלְט אִיר צִינְדְן דִי מְנוֹרָה.

נֶעמְט אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן צִינְדְט מִיט זֵיי דִי לִיכְט, זִינְגְט מִיט זֵיי דִי שֵׁיינֶע חֲנוּכָּה נִיגוּנִים אוּן עֶסְט דִי גוּטֶע חֲנוּכָּה עֶסְן; מַאכְט זִיכֶער מֶען זָאל שְׁפִּירְן אַז עֶס אִיז חֲנוּכָּה.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, פַארְלִירְט זִיךְ נִישְׁט; גֵייט אָן מִיט אַייעֶר לֶעבְּן, לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נָאךְ. בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אַייךְ, אִיר זָאלְט הָאבְּן כֹּחַ צוּ זַיין דִי טַאטֶע אוּן דִי מַאמֶע, אִיר זָאלְט נִישְׁט אוּנְטֶערְבְּרֶעכְן. בֶּעטְס אִים אִיר זָאלְט זַיין פְרֵיילִיךְ, עֶס זָאל אַייךְ גָארְנִישְׁט אָנְגֵיין. אוֹיךְ זָאלְט אִיר בֶּעטְן פַאר אַייעֶר מַאן, עֶס זָאל זַיין לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן עֶנְק.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר אַסַאךְ מִתְפַּלֵּל פַאר אַייךְ, אִיר זָאלְט הָאבְּן כֹּחַ אוּן נַחַת פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

...

## חֲנוּכָּה קוּמְט אַרָאפּ אַ לִיכְטִיגְקֵייט, מֶען הֵייבְּט אָן זֶען אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ה כִּסְלֵיו, א' דְּחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ב

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר זֶענֶען אַרַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג, נֶעכְטְן הָאבְּן מִיר גֶעצִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע לֶעכְט, בַּאלְד גֵייעֶן מִיר שׁוֹין צִינְדְן דִי צְוֵוייטֶע לֶעכְטְל.

אִיךְ ווִיל דִיר שְׁרַייבְּן אַפָּאר חִיזּוּק וֶוערְטֶער. מוֹהֲרַנַ"שׁ הָאט אוּנְז אַלֶע יָארְן אַזוֹי שְׁטַארְק מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיט דֶעם שְׁטִיקְל זוֹהַר, הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער מָאל שְׁרַייבְּט מוֹהֲרַנַ"שׁ דִי פָּאר וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, לָאמִיר דָאס אִיבֶּערְ'חַזְרְ'ן יֶעצְט פַאר מִיר צִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע לֶעכְט.

דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (הַקְדָּמָה, ד.) יֶעדְן טָאג גֵייט אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל וָואס רוּפְט אוֹיס: "מָאן מִנְכוֹן דִּי חֲשׁוֹכָא מְהַפְּכָן לִנְהוֹרָא", וֶוער פוּן אַייךְ קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן פוּן טוּנְקְל - לִיכְטִיג, "וְטַעֲמִין מְרִירָא לְמִתְקָא עַד לָא יֵיתוֹן הָכָא", וֶוער פוּן אַייךְ קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן פוּן בִּיטֶער - זִיס, "מָאן מִנְּכוֹן דִּמְחַכָּאן בְּכָל יוֹמָא לִנְהוֹרָא דְּנָהִיר וְכוּ', וֶוער וַוארְט יֶעדְן טָאג אַז עֶס זָאל לִיכְטִיג וֶוערְן? - דֶער וֶועט הָאבְּן אַ חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר מַאכְט פוּן זַיין בִּיטֶערֶע לֶעבְּן אַ זִיס לֶעבְּן אוּן פוּן זַיין טוּנְקְלְקֵייט - לִיכְטִיג, עֶר וֵוייסְט אַז אִין דִי טוּנְקְלְקֵייט אִיז אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִין דֶער בִּיטֶערְנִישׁ אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער זִיסֶער בַּאשֶׁעפֶּער - דֶער אִיז אַ צַדִּיק אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ עוֹלָם הַבָּא.

חֲנוּכָּה קוּמְט אַרָאפּ אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט, מֶען הֵייבְּט אָן זֶען אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן דִי טוּנְקְלְקֵייט. דִי יְוָנִים הָאבְּן

גֶעוָואלְט מַאכְן טוּנְקֶל, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ב, ד): "חֹשֶׁךְ, זֶה גָּלוּת יָוָן, שֶׁהֶחֱשִׁיכָה עֵינֵיהֶם שֶׁל יִשְׂרָאֵל", זֵיי הָאבְּן טוּנְקֶל גֶעמַאכְט פַּאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, בִּיז דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוּן צוּרִיק לִיכְטִיג גֶעמַאכְט פַּאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אֱמוּנָה, מֶען זָאל גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

צִינְד צַייטְלִיךְ, זִיץ בַּיי דִי לִיכְט כָאטְשִׁיג אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה, לֶעשׁ נִישְׁט אוֹיס דִי לִיכְט, לָאז עֶס בְּרֶענֶען; אוֹיב הָאסְטוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָואס לוֹיפְן אַרוּם אוּן עֶס קֶען זַיין אַ סַכָּנָה - זָאלְסְטוּ לֵייגְן דִי מְנוֹרָה אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס אִיז נִישְׁט קַיין סַכָּנָה פוּן זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן.

זָאג אַפָּאר וֶוערְטֶער פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי דִי לִיכְט; בֶּעט פַאר דִיר, בֶּעט פַאר דַיינֶע דוֹרוֹת אוּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ לִיכְטִיגְן פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

## עֶס אִיז שׁוֹין צַייט צוּ עֶפֶענֶען אַ בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין לָאנְדָאן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִקֵץ, כ"ה כִּסְלֵיו, א' דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ב

לִכְבוֹד אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ לָאנְדָאן ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר שְׁטַארְקְט זִיךְ אִינְאֵיינֶעם מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, אִיר נֶעמְט זִיךְ צוּזַאמֶען אֵיינְמָאל אַ וָואךְ זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרַא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין בַּטְלָנִים אוּן אָנְהֵייבְּן אוֹיךְ דַאוֶונֶען אִינְאֵיינֶעם; עֶס אִיז שׁוֹין הֶעכְסְט צַייט צוּ עֶפֶענֶען אַ בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין לָאנְדָאן.

אִיךְ ווִיל בֶּעטְן אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן לָאנְדָאן, גֶעבְּט אַייעֶרֶע צְדָקוֹת

פַאר דִי גַבָּאִים אִין לָאנְדָאן. מִיר הָאבְּן צְוֵויי גֶעטְרֵייעֶ גַבָּאִים, הר"ר ... נֵרוֹ יָאִיר אוּן הר"ר ... נֵרוֹ יָאִיר; גֶעבְּט זֵיי עֶנְקֶערֶע צְדָקוֹת.

עֶס זֶענֶען דָא צְווִישְׁן אַייךְ וָואס מֵיינֶען אַז וֶוען מֶען גֶעבְּט צְדָקָה צוּ דְרוּקְן אִין אַמֶערִיקֶע אָדֶער אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל - אִיז דָאס שְׁטֶערְקֶערֶע צְדָקָה, עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, מֶען דַארְף הָאבְּן אִין יֶעדְן שְׁטָאט אַ קֶרֶן הַדְפָּסָה; זָאלְט אִיר גֶעבְּן צְדָקָה פַאר דִי לָאנְדָאנֶער קֶרֶן הַדְפָּסָה.

בְּלִי נֶדֶר וֶועל אִיךְ מַאכְן בַּיי אוּנְז אַ מַגְבִּית פַאר דִי קֶרֶן הַדְפָּסָה פוּן לָאנְדָאן צוּ הֶעלְפְן עֶנְקֶער בֵּית הַדְפוּס זִיךְ שְׁטֶעלְן אוֹיף דִי פִּיס.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, גֵייט אַרוֹיס פוּן אַייעֶר קַטְנוּת; שׁוֹין צַייט אָנְצוּהֵייבְּן מִיט אַ בֵּית הַמֶדְרָשׁ, נָאכְדֶעם וֶועט מֶען קֶענֶען עֶפֶענֶען מוֹסְדוֹת הַתּוֹרָה.

חֲנוּכָּה אִיז דִי פַּאסִיגֶע צַייט צוּ מְיַסֵּד זַיין אַ בֵּית הַמֶדְרָשׁ, חֲנוּכָּה הָאט מוֹהֲרַא"שׁ אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן דִי הֵיילִיגֶע בְּרִיווּ אֲשֶׁר בַּנַּחַל; חֲנוּכָּה אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט אָנְצוּצִינְדְן דִי לִיכְט פוּן רֶבִּי'ן עֶס זָאל שַׁיינֶען אִין גַאנְץ לָאנְדָאן.

אַ לִיכְטִיגְן פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

### אִיךְ שְׁטֵיי אוּן שְׁטוֹין אוֹיף אַייעֶר מְסִירוּת נֶפֶשׁ זִיךְ אָפְּצוּשֶׁערְן דִי הָאר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת מִקֵץ, כ"ה כִּסְלֵיו, א' דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ב

מָרַת ... תִּחְיֶ', אֵשֶׁת מַיין טֵייעֶרֶער תַּלְמִיד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס אִיר הָאט דָא גֶעטוֹן, אִיר הָאט גֶעטוֹן אַ זַאךְ נֶענְטֶער צוּ בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה; מִיט'ן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר הָאט אִיר גֶעבְּרֶענְגְט דִי גְאוּלָה אַ טְרִיט נֶענְטֶער.

דֶער הֵיילִיגֶע צַדִיק רֶבִּי פִּנְחָס קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט וֵויינֶען: "דִי גְאוּלָה הֶענְגְט אוֹיף אַ הָאר!" פְלֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

פוּן סאַטְמַאר זָאגְן: "דָאס מֵיינְט עֶר צוּ זָאגְן אוֹיף דִי הָאר פוּן אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער"; אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן קֶענֶען בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה, וֶוען אַלֶע אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן וָואלְטְן זִיךְ אָפְּגֶעשׁוֹירְן זֵייעֶר הָאר וָואלְט שׁוֹין פוּן לַאנְג גֶעוֶוען דִי גְאוּלָה.

אִיךְ שְׁטֵיי אוּן שְׁטוֹין אוֹיף אַייעֶר מְסִירוּת נֶפֶשׁ, וִוי אִיר הָאט גֶעטוּן אַזַא זַאךְ, זִיךְ אָפְּגֶעשׁוֹירְן דִי הָאר! בַּיי אוּנְז אִיז דָאס אוֹיךְ אַ מְסִירוּת נֶפֶשׁ, אָבֶער דָאךְ אִיז עֶס נִישְׁט אַזוֹי שְׁוֶוער נָאכְדֶעם וָואס מִיר וַואקְסְן אוֹיף מִיט דֶעם; אוּנְזֶער מַאמֶע, אוּנְזֶער בַּאבֶּע, אוּנְזֶערֶע שְׁוֶועסְטֶערְס - אַלֶע שֶׁערְן זִיךְ אָפּ דִי הָאר, עֶס אִיז אַ זַאךְ וָואס מִיר וַואקְסְן אוֹיף דֶערְמִיט, אָבֶער בַּיי אַייךְ אִיז אַנְדֶערְשׁ, אִיר זֶענְט גֶעגַאנְגֶען קֶעגְן אַייעֶר מִשְׁפָּחָה, אַלֶע פוּן אַייךְ גֵייעֶן מִיט דִי אֵייגֶענֶע הָאר; אַייעֶר מַאמֶע, אַייעֶרֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער - אַלֶע בַּארוּמֶען זִיךְ מִיט דִי הָאר, אוּן אִיר זֶענְט צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי אֱמֶתְ'עֶ מְסוֹרָה אוּן אַרָאפְּגֶענוּמֶען דִי הָאר - דִי שֵׁדִים, דִי מַחְלוֹת אוּן צָרוֹת; ווארוּיל אִיז אַייךְ, ווארוּיל אִיז אַייעֶר חֵלֶק.

אִין דֶעם זְכוּת וֶועט אִיר הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער; קִינְדֶער צַדִיקִים, קִינְדֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, קִינְדֶער יִרְאֵי הַשֵּׁם.

טַעֲנָה'עֶט זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם; אוֹיבּ מֶען טַעֲנָה'עֶט זִיךְ - וֶוערְט מֶען נָאר אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, לֵיצָנוּת זֶעט אַלְץ אוֹיס שְׁטֶערְקֶער פוּנֶעם אֱמֶת, דֶערִיבֶּער אִיז נִישְׁט כְּדַאי זִיךְ צוּ טַעְנָה'עֶן מִיט קֵיינֶעם, נָאר טוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, וָואס צַדִיקִים זָאגְן.

אִיךְ שִׁיק אַייךְ אַ מַתָּנָה אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע זִילְבֶּערְנֶע ה קֵייטְל; דִי רֶבִּי זָאגְט דָאס אִיז מְסוּגָל פַאר קִינְדֶער (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, חֵלֶק ב', סִימָן ח).

אַ לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

...

## אַז אִיר ווילְט אַ וַוארֶעמֶע עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, וֶועט אִיר דָאס בַּאוַוייזְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ו כִּסְלֵיו, ב׳ דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר זֶענְט זִיךְ מְחַיֶּ׳ וּמְחַזֵּק מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, דֶעם רֶבִּינְ׳ס חִיזוּק אוּן עֵצוֹת אִיז מַמָּשׁ אַייעֶר לֶעבְּן; אִיר גֵייט מִיט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אִיר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיר זָאגְט תְּהִלִּים מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, עֶס אִיז אַייךְ אַזוֹי גוּט.

בְּנוֹגֵעַ אַייעֶר פְּרַאגֶע אוֹיבּ אִיז מֶעגְלִיךְ אִיר זָאלְט בַּאקוּמֶען אַן עֶרְלִיכֶער בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר בָּחוּר וֶוען אַייעֶר שְׁטוּבּ אִיז מֶער מָאדֶערְן, נִישְׁט פְּרוּם; וָואס אִיז בִּכְלַל דִי שְׁאֵלָה? אַוַודַאי אִיז דָאס מֶעגְלִיךְ! זַייט נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן, זַייט נִישְׁט אִין סְפֵיקוֹת, וַוייל ווִי אַזוֹי אִיר ווִילְט אוֹיסְשְׁטֶעלְן אַייעֶר שְׁטוּבּ - אַזוֹי וֶועט זַיין; אַז אִיר ווִילְט אַ וַוארֶעמֶע עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ - וֶועט אִיר דָאס בַּאוַוייזְן, אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם מֶענְטְשׁ. עֶס אִיז דָא הוּנְדֶערְטֶער מִשְׁפָּחוֹת, עֶרְלִיכֶע וַוארֶעמֶע מִשְׁפָּחוֹת - וָואס דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען מֶער מָאדֶערְן, מִיט דֶעם הָאבְּן דִי קִינְדֶער אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער.

זַייט מַמְשִׁיךְ מִיט אַייעֶר עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם; זַייט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד אוּן זָאגְט תְּהִלִּים. בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אוֹיף אַייעֶר אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ אִיר זָאלְט טְרֶעפְן אַייעֶר זִיווּג אוּן זוֹכֶה זַיין אִינְאֵיינֶעם אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע וַוארֶעמֶע בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר שְׁטוּבּ.

אַ לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

...

**מֶען טָאר נִישְׁט בָּארְגְן גֶעלְט פַאר דִי שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ו כִּסְלֵיו, ב׳ דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען טָאר נִישְׁט בָּארְגְן גֶעלְט פַאר דִי שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת, נֵיין און נָאכְאַמָאל נֵיין! נָאר צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן; מוֹהֲרַא״ש זָאגְט, צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן מֶעג מֶען בָּארְגְן גֶעלְט, אָבֶער צוּ קוּמֶען צוּם שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת - טָאר מֶען נִישְׁט בָּארְגְן. אַז דוּ הָאסְט גֶעלְט אוּן דוּ ווילְסְט קוּמֶען, דוּ שְׁפִּירְסְט פַאר וויכְטִיג צוּ קוּמֶען - קֶענְסְטוּ קוּמֶען, אוּן אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט - זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט בָּארְגְן קַיין גֶעלְט.

עֶס אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ צוּ בָּארְגְן גֶעלְט; הָאבְּן חוֹבוֹת אִיז דִי גְרֶעסְטֶע סַכָּנָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן מו): "מִי שֶׁרוֹצֶה לָשׁוּב, יִזָּהֵר מִלִּהְיוֹת בַּעַל חוֹב", וֶוער עֶס וויל תְּשׁוּבָה טוּן זָאל זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן חוֹבוֹת; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן קכב): "מוּטָב שֶׁיִּהְיֶה בַּעַל חוֹב לְעַצְמוֹ מִלִּהְיוֹת בַּעַל חוֹב לַאֲחֵרִים", אַ מֶענְטְשׁ זָאל עֶנְדֶערְשׁ זַיין אַ בַּעַל חוֹב פַאר זִיךְ אַלֵיין ווִי צוּ זַיין אַ בַּעַל חוֹב פַאר אַ צְוַוייטְן; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ בָּארְגְן קַיין גֶעלְט, נָאר עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ זַיין שׁוּלְדִיג פַאר זִיךְ אַלֵיין. דָאס הֵייסְט, אוֹיבּ דוּ דַארְפְסְט עֶפֶּעס קוֹיפְן אוּן דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, זָאלְסְטוּ עֶנְדֶערְשׁ זַיין שׁוּלְדִיג פַאר דִיר אַלֵיין אוּן עֶס נִישְׁט קוֹיפְן, ווִי צוּ בָּארְגְן אוּן זַיין אַ קְנֶעכְט פַאר דֶעם פוּן וֶועם דוּ הָאסְט גֶעבָּארְגְט.

אַ לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

...

**אִיר קֶענְט דִינְגֶען אַ לֶעפְּטָאפּ פַאר דִי חִיזּוּק שִׁיעוּר פַאר פְרוֹיעֶן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ו כִּסְלֵיו, ב׳ דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיר קֶענְט דִינְגֶען אַ לֶעפְּטָאפּ אוּן זִיךְ צַאמְנֶעמֶען פְרוֹיעֶן צוּ הֶערְן אַ

שִׁיעוּר פוּן חִיזוּק.

אִיר קֶענְט זִינְגֶען אִין שְׁטוּבּ.

אַ לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

...

**פַאר דִי טוֹבָה אוּן עָתִיד פוּן שְׁטֶעטְל, זָאל מֶען טוּן אַלֶעס וָואס**
**דִי הַנְהָלָה זָאגְט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ז כִּסְלֵיו, ג' דַּחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק
**לִכְבוֹד אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ שֶׁיִּחְיוּ וָואס וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ וִויל עֶנְק זֵייעֶר בֶּעטְן, פַאר דִי טוֹבָה פוּן אוּנְזֶער שְׁטֶעטְל אוּן פַארְ'ן עָתִיד פוּן אוּנְזֶער שְׁטֶעטְל - זָאל מֶען טוּן אַלֶעס וָואס דִי הַנְהָלָה זָאגְט.

אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶענוּמֶען דִי פָּאר אִינְגֶעלַייט זֵיי זָאלְן מִיר הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דֶעם שְׁטֶעטְל אוּן אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת; אִיךְ אַלֵיינְס קוֹם נִישְׁט אָן צוּ טוּן, זֵיי הֶעלְפְן מִיר, זֵיי טוּעֶן נָאר מַיין ווילְן.

מֵהַיּוֹם וָהָלְאָה וֶוען אִיר זֶעט אַ מוֹדָעָה פוּן דִי הַנְהָלָה אָדֶער פוּן דִי גַבָּאִים - זָאלְט אִיר אוֹיסְפִירְן זֵייעֶר ווילְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן דוֹרוֹת נֶאֱמָנִים לַה' וּלְתוֹרָתוֹ.

...

## אִין דִי שְׁנֵיי מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן – (ב)

טַייעֶרֶע קִינְדֶער מִיר הַאלְטְן אִינְמִיטְן דֶערְצֵיילְן וִוי אַזוֹי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן אוּן קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוִוּיסְט אַז עֶר אִיז אַ צַדִיק, עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט וִוי אַ פָּשׁוּטְ'עֶר מֶענְטְשׁ.

וֶוער גֶעדֶענְקְט וִוי מִיר הַאלְטְן אִין דִי מַעֲשֶׂה?

רֶבִּי אֶפְרַיִם זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, דֶעם רֶבִּינְ'ס שְׁוֶוער – זֶעט וִוי זַיין אֵיידֶעם שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט דִי שְׁנֵיי, עֶר וֶוערְט אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, עֶר קֶען דָאס נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן, עֶר טְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'אִיךְ הָאבּ אִים גֶענוּמֶען וַוייל עֶר אִיז אַן אֵיינִיקְל פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען פַאר מַיין טָאכְטֶער אַן עֶרְלִיכֶער אֵיידֶעם, דֶערְוַוייל לֶערְנְט עֶר נִישְׁט, עֶר דַאוֶוענְט נִישְׁט, עֶר קֶען אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין עִבְרִי'.

און יֶעצְט לֵיינְט וַוייטֶער:

רֶבִּי אֶפְרַיִם זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל מַכְנִיס אוֹרֵחַ, עֶס פְלֶעגְן קוּמֶען צוּ אִים גְרוֹיסֶע צַדִיקִים און עֶר הָאט יֶעדְן אֵיינֶעם זֵייעֶר שֵׁיין אוֹיפְגֶענוּמֶען. אֵיינְמָאל אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אִים אִין שְׁטוּבּ אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אַ תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִיד זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. רֶבִּי אֶפְרַיִם הָאט זִיךְ בַּאקְלָאגְט פַאר אִים, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן פַאר אִים דָאס הַארְץ: "אִיךְ הָאבּ דָא אַ גְרוֹיסֶער פְּרָאבְּלֶעם, אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען פַאר אַן אֵיידֶעם אַן אֵיינִיקְל פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, אָבֶּער עֶר לֶערְנְט נִישְׁט! עֶר שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט דִי קִינְדֶער, עֶר הָאט שׁוֹין אֲפִילוּ פַארְגֶעסְן דִי עִבְרִי, עֶר קֶען נִישְׁט לֵיינֶען בִּכְלַל!"

דֶער גַאסְט, דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק - זָאגְט פַאר רֶבִּי אֶפְרַיִם: "אִיר מַאכְט אַ טָעוּת! עֶס קֶען נִישְׁט זַיין, עֶס אִיז זִיכֶער נִישְׁט אֱמֶת!" דֶער צַדִיק הָאט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ רֶעדְן אוֹיף אַן אֵיינִיקְל פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב, אָבֶּער רֶבִּי אֶפְרַיִם, דֶעם רֶבִּינְ'ס שְׁוֶוער, זָאגְט אִים: "הַלְוַואי זָאל אִיךְ מַאכְן אַ טָעוּת, אִיךְ זָאג אַייךְ עֶר קֶען נִישְׁט לֵיינֶען, עֶר הָאט פַארְגֶעסְן דִי עִבְרִי, עֶר שְׁפִּילְט אַ גַאנְצְן טָאג מִיט חֲבֵרִים; פְּרוּבִּירְט אִים אוֹיס, גֶעבְּט אִים צוּ לֵיינֶען אַ סֵפֶר וֶועט אִיר זֶען אַז

עֶר קֶען נִישְׁט קַיין עִבְרִי", דֶער צַדִיק זָאגְט פַאר רֶבִּי אֶפְרַיִם: "רוּפְט אַהֶער אַייעֶר אֵיידֶעם, אִיךְ וֶועל אִים גֶעבְּן צוּ לֵיינֶען".



דוּ שֶׁעמְסְט זִיךְ נִישְׁט?!?!?!

דֶער רֶבִּי קוּמְט צוּ גֵיין מִיט זַיין שְׁוֶוער, דֶער צַדִיק הַאלְט אִינְמִיטְן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, עֶר נֶעמְט זַיין מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן: "אִיךְ וִויל הֶערְן אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט לֵיינֶען דִי וֶוערְטֶער פוּן מִשְׁנַיוֹת", עֶר עֶפְנְט דִי מִשְׁנַיוֹת בַּיי מַסֶכֶת בָּבָא קַמָא פֶּרֶק ב

מִשְׁנָה ג: ״הַכֶּלֶב וְהַגְּדִי שֶׁקָּפְצוּ מֵרֹאשׁ הַגָּג״, אוּן עֶר זָאגְט פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן: ״זָאג!״ דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר קְלוּג, דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מֶען זָאל וִויסְן אַז עֶר לֶערְנְט, הָאט עֶר זִיךְ גֶעמַאכְט וִוי עֶר הָאט פַארְגֶעסְן וִוי אַזוֹי מֶען לֵיינְט, עֶר הֵייבְּט אָן זָאגְן: ״הַכֶּלֶב וְהַגְּדִי״, דִי הִינְט מִיט דִי צִיג, ״שֶׁקָּפְצוּ מַארְשׁ״, וָואס הָאבְּן גֶעטַאנְצְן אַ מַארְשׁ; דֶער צַדִּיק הָאט זִיךְ זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גְלֵייבְּן וָואס דָא גֵייט פָאר, דֶעם רֶבִּינְ׳ס שְׁוֶוער רֶבִּי אֶפְרַיִם זָאגְט: ״אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט שׁוֹין פַארְגֶעסְן אֲפִילוּ דִי עִבְרֵי!״

דֶער צַדִּיק נֶעמְט דֶעם רֶבִּי׳ן אִין אַ זַייט אוּן זָאגְט אִים מוּסָר: ״דוּ שֶׁעמְסְט זִיךְ נִישְׁט?! דוּ בִּיסְט אַן אֵיינִיקְל פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דוּ בִּיסְט אַן אֵיינִיקְל פוּן דֶעם גְרוֹיסְן צַדִּיק רֶבִּי נַחְמָן הוֹרָאדֶענְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דַיין שְׁוֶוער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַ גְרוֹיסֶער נַדָן, אַסַאךְ גֶעלְט בַּיי דַיין חֲתוּנָה, אוּן דוּ לֶערְנְסְט נִישְׁט! דוּ הָאסְט שׁוֹין אֲפִילוּ פַארְגֶעסְן דִי עִבְרֵי!!״ אוּן עֶר גֶעבְּט דֶעם רֶבִּי׳ן צְוֵויי גֶעזוּנְטֶע פֶּעטְשׁ אִין פָּנִים. דֶער רֶבִּי וֵויינְט, דֶער רֶבִּי וִויל נִישְׁט זָאגְן וֶוער עֶר אִיז, דֶער רֶבִּי וִויל זַיין בַּאהַאלְטְן, דֶער רֶבִּי מַאכְט זִיךְ וִוי עֶר קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען.

קִינְדֶער, מִיר וֵוייסְן דֶעם אֱמֶת, דֶער רֶבִּי הָאט יָא גֶעקֶענְט לֵיינֶען, עֶר הָאט זֵייעֶר פְלַייסִיג גֶעלֶערְנְט, גֶעדַאוֶוענְט און גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מֶען זָאל שְׁמוּעֶסְן פוּן אִים, עֶר הָאט גֶעוָואלְט זַיין אוֹיסְבַּאהַאלְטְן פוּן דִי וֶועלְט; מִיר לֶערְנֶען זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי מַעֲשֶׂה צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטִילֶערְהֵייט, אַזוֹי וֶועלְן מִיר זַיין גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט בס״ד